בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

פָּרָשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ

תשע"ז

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

לשמוע השיעורים: 212-444-9191

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

בעזהשי"ת - יום א' פרשת בהעלותך, י' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון אזא גרויסע רבי, א רבי וואס איז אונז מחזק און מעודד אין אלע אונזערע שווערע מצבים; א רבי וואס לערנט אונז אויס אז מיר זאלן שטענדיג געדענקען פונעם אייבערשטן, און וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", ווער עס וויל דינען דעם אייבערשטן, דארף וויסן אז מען קען נישט זיין אן ערליכער איד נאר איז מען איז א גרויסער עקשן; ווייל דער יצר הרע האלט אין איין אראפ ווארפן א מענטש, און ברענגט אריין אין אים חלישות הדעת, אז דער מענטש זאל טראכטן כאילו אז דער אייבערשטער דארף אים נישט. אבער ווען א מענטש איז אן עקשן, און ער לאזט נישט נאך, נאר ער גייט שטענדיג צוריק צום אייבערשטן, וועט ער זוכה זיין סוף כל סוף צו אלע מדריגות.

מיר שטייען יעצט נאכן הייליגן יום טוב שבועות; חז"ל זאגן (ביצה כה:): "מִפְּנֵי מָה נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל? מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין", פארוואס האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה פאר די אידן? ווייל די אידן האבן אין זיך עזות. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס האט קבלת התורה צו טון מיט עזות? נאר וואס דען, מען קען נישט מקבל זיין די תורה נאר אז מ'האט אין זיך עזות. דאס הייסט, אז אפילו עס גייט אריבער אויף א מענטש וואס עס גייט אריבער, און מען ווארפט אים אראפ כסדר, דאך איז ער אן עקשן, און ער קומט צוריק צום אייבערשטן; דאס זאגן חז"ל, אז וויבאלד די אידן האבן אין זיך עזות, קענען זיי זוכה זיין צו קבלת התורה.

דער הייליגער רבי נתן זאגט אויף דעם וואס חז"ל זאגן (מנחות פו:) אויפן נר המערבי: "עֵדוּת הוּא לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל", אז די מנורה איז געווען אן עדות פאר די גאנצע וועלט, אז דער אייבערשטער רוהט ביי די אידן; זאגט ר' נתן אז ביי די מנורה שטייט (במדבר ח, ד): "וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה, מִקְשָׁה זָהָב", מקשה

איז א לשון פון עקשנות; אז דאס וואס דער אייבערשטער רוהט ביי די אידן, איז ווען ס׳איז מקשה זהב, ווען דער מענטש האט ביי זיך עקשנות און ער לאזט נישט גארנישט אפ, נאר ער גייט שטענדיג צוריק צום אייבערשטן.

דערפאר בעט איך דיר זייער, אז זאלסט זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות, און דו זאלסט גיין דריי מאל א טאג אין שול דאווענען, מיט מנין דייקא; מוהרא״ש ז״ל פלעגט שטענדיג זאגן, אז ווער עס וויל האבן פרנסה, זאל שטענדיג דאווענען מיט מנין, ווייל אז מען דאווענט מיט מנין האט מען א דבר שבמנין. אפילו דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר א שולד געפיל, און ער מאכט דיך טראכטן אז קיינער דארף דיך נישט, דאך זאלסטו זיין אן עקשן און גיין אין שול.

זאלסט זייער אכטונג געבן קיינמאל נישט צו טשעפען א צווייטן, אפילו מען וועט דיר איינרעדן אז ס׳איז לשם שמים, און ס׳איז א מצוה, זאלסטו קיינמאל נישט טשעפען א צווייטן איד. איך בעט דיר ברודער, אנטלויף פון די מצות; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן א׳) אז ווען א מענטש איז זוכה און ער לערנט תורה, ווערט ער געראטעוועט פון דעם סארט יצר הרע וואס רעדט איין א מענטשן אז ס׳איז א מצוה יענעם צו טשעפען.

חז״ל דערציילן (בבא בתרא צא.) אז בועז האט געהאט דרייסיג זון און דרייסיג טעכטער, און יעדעס מאל ווען ער האט חתונה געמאכט א קינד האט ער געמאכט צוויי סעודות, א סעודת אירוסין און א סעודת נישואין, וואס צוזאמען האט ער געמאכט פאר זיינע קינדער הונדערט און צוואנציג סעודות; ער האט געהאט א חבר מנוח וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און ביי קיין איינס פון די הונדערט צוואנציג סעודות האט ער אים נישט גערופן, ווייל ער האט געזאגט: ״כּוּדְנָא עֲקָרָה בְּמַאי פָּרְעָא לִי״, דער אייזל דער עקר, מיט וואס קען ער מיר באצאלן, ער האט דאך נישט קיין קינדער, ממילא גייט ער מיר נישט צוריקרופן צו קיין שמחות, זאגן חז״ל: ״וְכֻלָּן מֵתוּ בְּחַיָּיו״, אלע קינדער פון בועז זענען געשטארבן בחייו, פאר א עונש וואס ער האט געטשעפעט זיין חבר.

דער בן איש חי זי״ע זאגט אין זיין ספר בן יהוידע אויפן פלאץ, אז בועז איז געווען א ערליכער איד, און די סיבה פארוואס ער האט נישט גערופן מנוח איז געווען לשם שמים, ווייל ער האט נישט געוואלט אז זיין חבר זאל האבן קנאה אויף די חתונות וואס ער האלט אין איין מאכן; מיט דעם אלעם, וויבאלד ער האט גורם געווען צער פאר זיין חבר, איז ער געשטראפט געווארן. זעט מען פון דעם ווי ווייט מען דארף זיין נזהר אכטונג צו געבן, נישט וויי צו טון א חבר.

חז״ל זאגן (בבא מציעא נט.): ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה״, א מענטש זאל זייער אכטונג געבן נישט צו טשעפען זיין ווייב, ווייל א פרוי וויינט זייער שנעל, און מ׳קען באקומען א גרויסן עונש. דערפאר זאלסט זייער אכטונג געבן נישט וויי צו טון קיין שום איד, און בפרט דיין אייגענע ווייב.

ר׳ נתן האט געהאט א תלמיד, וואס ער איז געווען זייער א גרויסער ארימאן, ער האט ממש גארנישט געהאט אין שטוב; איינמאל האט איינער געזאגט פאר ר׳ נתן אז עס איז א גרויס רחמנות אויף דעם ארימאן, האט ר׳ נתן זיך אנגערופן און געזאגט: ״אויף אים איז א רחמנות? א רחמנות איז אויף משה חינקעס (וואס איז געווען א גרויסער מתנגד אויף ר׳ נתן), וואס ער האט אסאך געלט, און ער איז פארנומען א גאנצן טאג צו עסן און טרינקען, און ער ווייסט נישט אז נאך אביסל וועט מען דארפן אוועק גיין פון דער וועלט, און מען וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף יעדן איינציגן טאג; מיין תלמיד איז נישט קיין רחמנות, ווייל א גאנצן טאג איז ער עוסק אין התבודדות און מיט זיינע שיעורים כסדרן, און נאך אביסל ווען ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט ווארט אים אפ זייער א שיינער וועלט.

זעט מען פון דעם אז דער גרעסטער רחמנות איז דער וואס לערנט נישט און דער וואס דאווענט נישט. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנד): ״אויף צוויי כיתות מענטשן האב איך גרויס רחמנות, אויף די מענטשן וואס זענען נישט מקורב געווארן צו מיר, און אויף די מענטשן וואס האבן יא געוואוסט פון מיר אבער האבן

מיך נישט געפאלגט, ווייל איך ווייס אז ס׳וועט קומען א צייט ווען מען וועט ליגן מיט די פוס צום טיר, דעמאלט וועט דער מענטש גרויס חרטה האבן פארוואס ער איז נישט מקורב געווארן צו מיר, און פארוואס ער האט מיך נישט געפאלגט, ווייל אויב וואלט ער געווען מקורב צו מיר און מיך געפאלגט, וואלט נישט געווען קיין דרגא אויף דער וועלט וואס ער וואלט נישט צוגעקומען, אבער דעמאלט וועט שוין גארנישט נוצן, עס וועט שוין זיין צו שפעט״.

דערפאר בעט איך דיר זייער, אִיעָצְךָ, וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ; וואו דו גייסט זאלסטו מיטנעמען א קליינע משניות׳ל, און ווען דו האסט אפאר איבעריגע מינוט זאלסטו אריינכאפן א פרק משניות - כסדרן דייקא. דו קענסט דיך נישט פארשטעלן וואס משניות טוט פארן מענטש; מוהרא״ש ז״ל פלעגט זיך שטענדיגע בארימען, אז ווען מ׳וויל זען ווער ס׳איז א תלמיד היכל הקודש, זאל מען קוקן ווער עס דרייט זיך שטענדיג מיט א משניות׳ל אין די האנט.

ווייל א אמת׳ער תלמיד היכל הקודש איז נישט פארנומען מיט א צווייטן, ער זוכט נישט וואו צו מאכן מחלוקת, און ער מישט זיך נישט ביי קיינעם. ער ווייסט ביי זיך אז נאך אביסל וועט ער דארפן צוריקגיין צום אייבערשטן, און דארט וועט גארנישט ניצן, נאר די פרקים משניות און דפים גמרא וואס ער האט אריינגעכאפט יעדן טאג, נאר דאס וועט מען מיט נעמען מיט זיך, אזוי ווי חז״ל זאגן (אבות ו, ט): ״אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד״.

ר׳ נתן האט אמאל געזאגט: אלעס קען איך מיר אויסמאלן, נאר נישט דעם ערשטן ברוך הבא אין קבר, דאס קען איך מיר נישט אויסמאלן״. געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן אין אונזער דור מוהרא״ש ז״ל וואס האט מיט אונז כסדר גע׳חזר׳ט אז מיר זאלן לעבן מיטן תכלית, און מיר זאלן געדענקען אז עס איז דא א בית הקברות, און אז מען וועט איין טאג זיין א גוסס און א מת.

מוהרא"ש ז"ל פלעגט שטענדיג אראפלייגן ווי אזוי א לוי' זעט אויס; די ווייב שרייט און וויינט: "מיין מאן, אויף וועם האסטו מיך איבערגעלאזט", די קינדער וויינען: "טאטע ווער וועט אונז געבן געלט? ווער וועט אונז חתונה מאכן?" פלעגט מוהרא"ש שטענדיג זאגן: "אבער קיינער האט נישט רחמנות אויפן נפטר אליינס". מען נעמט דעם מענטש און מען לייגט אים אריין אין דער ערד; די חברה קדישא קומען און דעקן אים צו מיט ערד און אלע גייען אהיים, קיינער טראכט נישט 'וואס טוט זיך יעצט אפ אינעם קבר'. עס קומען צו גיין פעלד-מייזן מיט אנדערע חי'לעך, ווערעם און שלאנגעלעך, און זיי עסן אויף דעם מענטש, וואס דאס איז שרעקליכע יסורים פארן נפטר.

קומט ר' נתן און זאגט, אז א גוף וואס האט געלערנט ליקוטי מוהר"ן וועלן די ווערעם אין קבר נישט צוקומען צו דעם גוף, נאכדעם קומט מוהרא"ש און זאגט אז א גוף וואס האט געזאגט משניות וועלן די ווערעם אין קבר נישט צוקומען.

פרעג איך דיר מיין טייערע ברודער ..., פארוואס זאלסטו נישט פאלגן מוהרא"ש און זאגן יעדן טאג אפאר פרקים משניות? נאר דאס וועט אונז ראטעווען - סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענע וועלט.

איך האף אז דו האסט הנאה ווען איך שרייב דיר, און זאלסט וויסן אז איך ווארט אז דו זאלסט מיר צוריק שרייבן - אפילו אפאר שורות; יעדעס מאל וואס דו שרייבסט מיר בין איך זיך ממש מחי'.

דער אייבערשטן זאל דיר העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע ענינים.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת בהעלותך, י"א סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ״העיקר מה שקורין ׳דערהאלטן זיך׳״; דאס איז דער גאנצער רבי. דער רבי שטארקט אונז אז מיר זאלן נישט אויפגעבן, און דער רבי לערנט אונז אז ׳אפילו איך האב א שווערע טאג׳, ׳א שווערע וואך׳, ׳א שווערע איבערגייאכץ׳ - זאל איך נישט אנטלויפן, נאר עס דורך שטופן, און עס וועט מיר שוין בעסער ווערן.

די שענסטע דרשה וואס איך האב געהערט פון מוהרא״ש ז״ל איז געווען איין יאר מיטל נאכט ראש השנה. מיטל נאכט ראש השנה פלעגט מוהרא״ש רעדן אין אומאן, מוהרא״ש האט גערעדט די זעלבע ווערטער וואס ער פלעגט רעדן יעדן ליל שישי, אבער מיינע אויערן זענען געווען מער אויס געשפיצט צו הערן יעדעס ווארט און יעדעס אטעם; איין יאר האט מוהרא״ש זיך אפגעשטעלט אינמיטן די דרשה און געפרעגט דעם עולם: ״ווער קען מיר זאגן אין איין ווארט וואס דער רבי וויל?״ קודם האט קיינער נישט געענטפערט, אבער מוהרא״ש ז״ל האט נישט אפגעלאזט און ער האט געפרעגט: ״נו? נו? ווער ווייסט?״ האט איינער זיך אנגערופן און געזאגט ״שמחה״, איינער האט געשריגן ״סבלנות״, איינער האט געזאגט ״התבודדות״, אבער מוהרא״ש איז נישט געווען צופרידן פון דעם, ווען מיר זענען שוין געווען זייער נייגעריג וואס מוהרא״ש גייט זאגן, האט מוהרא״ש אויסגעשריגן: ״דער רבינ׳ס זאך איז ׳התחזקות׳ - זיך דערהאלטן״.

דער רבי האט דערציילט אז ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד און זיין מאמע די גרויסע צדיקת פיגא האט געקעמט זיין האר, און עס האט אים זייער וויי געטון, האט ער קיינמאל נישט געשריגן, ווייל ער האט שוין דעמאלט פארשטאנען אז אויף דער וועלט דארף מען ליידן. אזוי אויך האט דער רבי האט געזאגט אמאל פאר אנשי שלומינו (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קיט): ״מענטשן זאגן אז עס איז דא עולם הבא און עולם הזה; עולם הבא גלייב איך אז עס איז דא, עולם הזה - אפשר איז אויך דא אויבן אין הימל א וועלט וואס הייסט ׳עולם הזה׳, ווייל דא איז נישט דא אזא זאך ווי עולם הזה, דא איז דער גיהנום אליינס״.

דערפאר בעט איך דיר מיין טייערע..., שטארק דיך און דראפע זיך מיט אלע דיינע כוחות. פארליר דיך נישט, אפילו עס גייט אריבער אויף דיר ביטערע יסורים וכו׳ וכו׳ - זאלסטו זיך נישט פארלירן, ווייל אז מען פארלירט זיך קען מען פון דעם אליין מער דערלייגן.

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נב): ״מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִילּוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ״, פון יעדע זאך שרייט ארויס דער אייבערשטער, אפילו פון די נייעס פון די אומות העולם הערט מען אויך ארויס דעם אייבערשטן; דאס הייסט, אז יעדעס מאל ווען מען הערט א נייעס, דארף מען ארויס נעמען פון דעם א וועג אין לעבן. איך ווייס נישט צי דו האלסט מיט די נייעס, אבער פאריגע וואך פרייטאג האט פאסירט א שרעקליכע פאסירונג, א גוי האט ארויס גענומען א גאן אין א קאסינאו, און ווען די עולם האט דאס געזען זענען זיי זייער דערשראקן געווארן, און אנגעפאנגען צו לויפן מיט אזא טומל, אז פינף און צוואנציג מענטשן זענען גע׳הרג׳עט געווארן בלויז פונעם טומל, און באמת האט ער קיינעם נישט געשאסן, ער האט נאר געוואלט איינעם בא׳גנב׳נען וכו׳. און א וואך פארדעם איז געווען א באמבע אין מאנטשעסטער צווישן טויזענטער מענטשן, און דארט זענען נאך ווייניגער מענטשן גע׳הרג׳עט געווארן.

זעט מען וואס געשעהט ווען מען פאלט אריין אין א פאניק; ווייל דאס דארף מען זיך גוט אריינעמען אין קאפ - מען טאר זיך קיינמאל נישט פארלירן, זאל זיין וואס זאל זיין.

ווי אזוי קען מען טאקע האבן די קאפ אויפן פלאץ, נישט צו ווערן פארלוירן ווען עס פאסירט אן אומגליק? אז א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה פשוטה - ער האלט אין איין חזר׳ן צו זיך: ״קיינער קען מיר גארנישט טון, נישט שלעכטס און נישט גוט; קיינער קען מיר נישט געבן קיין איבעריגע דאללער, און קיינער קען מיר נישט צונעמען קיין פרוטה״. דעמאלט, ווען עס פאסירט ל״ע אן אומגליק ווערט מען נישט אויס מענטש.

ווען איך האב געעפענט די ישיבה האט מען במשך א וואך צייט - יעדע צופרי, אפגעווארט מיין ווייב בשעת זי האט ארויפגעלייגט די קינדער אויפן באס, כדי צו פראטעסטירן; האב איך אפגעשמועסט מיטן באס דרייווער (דער וואס האט געדרייווט די באס פאר יענע מוסד האט שטילערהייט גענומען חיזוק פון מיינע דרשות, ממילא האט ער געהאט א געפיל צו מיר) אז ער גייט מיר רופן ווען ער איז בערך א גאס אוועק, אזוי וועט מיין ווייב נישט דארפן שטיין אינטן און ווערן פארשעמט, נאר גלייך ווען זי וועט אראפ קומען פון די זיבעטע שטאק וועט ער שויןווארטן מיט די באס, און גלייך נעמען די קינדער, און זי וועט גלייך צוריק ארויפגיין אין שטוב וכו׳.

איין טאג האט ער גערופן, און געזאגט אז ער איז א גאס אוועק און מען קען שוין אראפ קומען. למעשה, מה עשה הקב״ה, א גארבידזש טראק האט אים אויפגעהאלטן, און מיין ווייב תחי׳ איז געשטאנען אונטן אויפן גאס פאר צען פופצן מינוט; מען האט געשריגן אויף איר - סיי מענער און בעיקר פרויען מיט סיינס וכו׳. זי האט פרובירט אוועק צו גיין פון זיי מיט מיין זון, אבער מען האט איר אנגעפאנגען נאך צו גיין וכו׳. האב איך איר געפרעגט שפעטער ווי אזוי זי האט געהאט די כוחות נישט צו ווערן אויס ח״ו וכו׳, האט זי מיר געזאגט אז זי האט געזינגען צו זיך שטילערהייט: ׳קיינער קען מיר גארנישט טון, אלעס איז דער אייבערשטער׳, נאכאמאל און נאכאמאל: ׳קיינער קען מיר גארנישט טון, אלעס איז דער אייבערשטער׳, ביז זי האט ארויפגעשטעלט די קינדער אויפן באס און ארויפגעלאפן אהיים.

יעדע מאל ווען מיר זענען ארויס פון שטוב האבן מיר געהאט א פחד וכו׳; ווי אזוי האבן מיר עס אריבער געטראגן? נאר בזכות אמונה. מיר האבן זיך געזינגען, און מיר זינגען נאך אלץ: ׳קיינער קען מיר גארנישט טון, אלעס איז דער אייבערשטער׳.

דערפאר מיין טייערע ליבער ברודער ..., וואס דו ביסט מיר נענטער ווי א ברודער וכו׳, שטארק דיך און זינג דיר אויך די ניגון: ׳קיינער קען מיר גארנישט טון, אלעס איז

דער איבערשטער׳; און ווי מער מען זינגט ניגונים פון אמונה, אלץ מער האט מען אמונה, און ווען עס קומט אן איבעראשונג און לעבן ווערט מען נישט פארלוירן.

מיר האבן ארויס געגעבן יעצט א נייע סידי מיטן נאמען ׳טאנץ מיט אמונה׳, דאס איז די ערשטע מאל וואס מיר מאכן א סידי נאר פון לעבעדיגע ניגונים; אלע סידי׳ס ביז יעצט זענען געווען אן אנדערע סארט, עס איז געווען שטאטע ניגונים. למעשה האב איך געזען אז מען דארף אריין ברענגען אין מענטשן אמונה מער אויף א פרייליכע וועג - נישט וויינעדיג.

איך דארף אריין לויפן צו מיינע טייערע תלמידים, א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת בהעלותך, י״ב סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן סז): ״כִּי עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל״, פארוואס ווערט א מענטש משוגע? ווייל ער פאלגט נישט אן אמת׳ן חכם און אן אמת׳ן צדיק, ווייל ווען דער מענטש וואס איז פול מיט שגיונות - אויב וואלט ער געפאלגט א חכם וואלט ער געווארן אויס משוגע; יעדער מענטש האלט פון זיך, ער האלט אז ער איז דער קלוגסטער מענטש, און דער געלונגעסטער מענטש וכו׳ וכו׳, אבער אויב דער מענטש האט נישט קיין ביטול צו א צדיק און צו אן אמת׳ן חכם, וועט ער אינגאנצן פארפירט ווערן.

א מענטש מוז האבן א רבי - א מורה דרך מיט וועם ער שמועסט זיך דורך זיין לעבן, און ווען ער האט א שווערע איבערגייעכץ אדער שווערע נסיונות, גייט ער צו זיין רבי און רעדט מיט אים; א מענטש אליין איז אין א גרויסע סכנה, ווייל אסאך מאל מאכט דער יצר הרע אז דער מענטש זאל זיך פירן גוט און פיין פאר א לאנגע צייט,

נאר ווייל ער וויל קלאר שטעלן פארן מענטש אז ער קען זיך אליינס אן עצה געבן, און נאכדעם ווארפט ער אים אראפ אין א פלאנטער, און דער מענטש קען זיך נישט קיין עצה געבן.

חז״ל זאגן (ברכות ח.): ״לְעוֹלָם יָדוּר אָדָם בִּמְקוֹם רַבּוֹ, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁשִּׁמְעִי בֶּן גֵּרָא קַיָּם, לֹא נָשָׂא שְׁלֹמֹה אֶת בַּת פַּרְעֹה״, א מענטש זאל וואוינען נעבן זיין רבי, וועט ער זיין אן ערליכער איד; א מענטש דארף וויסן אז עס איז נישט קיין פעלער צו מאכן א פעלער, ווייל קיינער איז נישט אינגאנצן אויסגעארבעט, און יעדער מענטש דארף נאך אויסארבעטן זיינע חסרונות. דערפאר זענען מיר דא, און דערפאר דארפן מיר זוכן א צדיק וואס זאל אונז העלפן זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

דער רבי זאגט: ״די וועלט האט א טעות מיט דעם וואס זיי מיינען אז א צדיק קען נישט מאכן א טעות, איך זאג אז א צדיק קען יא מאכן א טעות; נאך א טעות האט דער וועלט, אז זיי זאגן אז א צדיק וואס מאכט א טעות איז אויס צדיק, איך זאג פארקערט - זאגט דער רבי - א צדיק וואס מאכט א טעות בלייבט א צדיק, אזוי ווי חז״ל זאגן (ברכות יט.): ״אִם רָאִיתָ תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעָבַר עֲבֵירָה בַּלַּיְלָה, אַל תְּהַרְהֵר אַחֲרָיו בַּיּוֹם שֶׁמָּא עָשָׂה תְּשׁוּבָה״, פרעגן חז״ל: ״שֶׁמָּא עָשָׂה תְּשׁוּבָה ? !״ אפשר האט ער תשובה געטון ? נאר ״וַדַּאי עָשָׂה תְּשׁוּבָה !״ זיכער האט ער תשובה געטון.

לגבי וואס שרייב איך דיר דאס ? ווייל איך וויל אז דו זאלסט וויסן אז עס איז נישט קיין פעלער צו מאכן א פעלער, ווייל קיינער איז נישט אינגאנצן אויסגעארבעט; א פעלער איז ווען א מענטש מאכט פעלערס און ער זאגט אז ׳איך בין גוט׳, ׳איך דארף נישט קיין הילף׳, ׳קיינער זאל זיך נישט אריין מישן אין מיין פריוואטע לעבן׳ - דאס איז דער גרעסטער פעלער, אזוי ווי חז״ל זאגן (מגילה כט.): ״הַאי מַאן דְּיָהִיר - בַּעַל מוּם הוּא״, דער וואס האלט זיך גרויס איז א בעל מום; ווען א מענטש קומט זיך נישט אויס מיט זיין ווייב, און ער שרייט אז אלעס איז בסדר - דאס איז א גרויסער פראבלעם, ווייל עס וועט אריבער גיין א שטיק צייט און עס וועט פלאצן, מען וועט זיך צעטיילן און די קינדער וועלן נעבעך פאלן קרבנות.

וואויל איז פאר א מענטש וואס פרעגט יעדע זאך אן ערליכער איד; ער נעמט זיך א מורה דרך וואס וועט אים נישט פארפירן וכו׳, ער קוקט אויף זיך, און מאכט זיך א פשוט׳ער חשבון: ׳וואס באקום איך ווען איך קום אין ישיבה׳, ׳וואס באקום איך ווען איך הער נאך א שיעור׳.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות גאוה, סימן כה): ״מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ גַּסּוּת, לְסוֹף נִכְשָׁל בְּאֵשֶׁת אִישׁ; וְהוּא כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה; וּכְאִלּוּ כּוֹפֵר בָּעִקָּר; וּכְאִלּוּ בָּא עַל עֲרָיוֹת כֻּלָּם; וּכְאִלּוּ בָּנָה בָּמָה; וּמִתְמַעֵט מֵחֲשִׁיבוּתוֹ וְאֵינֶנּוּ; וְרָאוּי לְגַדְּעוֹ כַּאֲשֵׁרָה; גַּם אֵין עֲפָרוֹ נִנְעֶרֶת; וּשְׁכִינָה מְיַלֶּלֶת עָלָיו״, ווער עס האט אין זיך גאוה וועט ביים סוף טון אן עבירה מיט אן אשת איש; עס איז אזוי ווי ער דינט עבודה זרה און ער לייקענט אינעם אייבערשטן; ער וועט טון אסאך הארבע עבירות; ער ווערט ווייניגער חשוב; און דער אייבערשטער קלאגט אויף אים. לכאורה וואס האט איינס מיטן צווייטן; וואס האט צו טון א מענטש וואס איז א בעל גאוה מיט טון עבירות? נאר א מענטש וואס האט זוכה געווען און ער האט חתונה געהאט; געווענליך נעמט צייט פאר מאן און ווייב זיך אויסצוקומען וכו׳, א אינגערמאן און א ווייבל וואס זענען נישט קיין בעלי גאוה - זיי פאסט צו גיין צו זייער מורה דרך, און זיי פארציילן אים בפרטי פרטיות וואס עס גייט אריבער אויף זיי. וואס טוט דער ערליכער איד? א ערליכער איד דארף גארנישט, און ער נעמט נישט קיין געלט (ווייל אויב איינער נעמט געלט פאר שלום בית - זאגט מוהרא״ש ז״ל - איז ער א נואף), ער טוט דאס נאר פאר איין ציל: אים גייט אין לעבן אז נאך א איד זאל האבן שלום בית; ער געבט זיי גוטע עצות, און ער לערנט זיי אויס פשוט׳ע לעבנס זאכן וכו׳, ווי אזוי צו זיין צוזאמען וכו׳; מען זאל זיין אפען איינער מיטן צווייטן; מען זאל רעדן און נישט זיין פארמאכט וכו׳; דאס פארפאלק גייען אהיים און פאלגן די עצות, און מיט די צייט שטעלן זיי זיך אליינס אויף די פוס.

אבער די בעלי גאוה - זיי פאסט נישט צו גיין צו קיינעם; זיי שרייען אז זיי דארפן נישט קיין שום הילף, וואס פאסירט? עס ווערט אפגעקילט דאס ליבשאפט צווישן מאן און ווייב, און מען הייבט אן בלאזן איינער אויפן צווייטן. נאכדעם גייט עס שוין ווייטער אז מען הייבט זיך אן צו שטעכן - א ווארט פאר א ווארט, ביז מען צעטיילט

זיך, און איינמאל מען איז צעטיילט פאלט מען אראפ אין שמוציגע עבירות, און עס פאסירט וואס דער רבי זאגט, אז מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ גַּסּוּת, לְסוֹף נִכְשָׁל מיט אלע הארבע עבירות.

אסאך מאל גיי איך אריין אין א ספרים געשעפט צו קוקן נייע ספרים וואס קומען ארויס, האב איך איינמאל געזען א קונטרס פון רבי אביגדור מיללער ז״ל - א שיעור וואס ער האט געזאגט פאר מענטשן וואס האלטן ביים טון שידוכים מיט זייערע קינדער. זאגט ער דארט אזוי: ״ווען דו זוכסט א בחור פאר א חתן פאר דיין טאכטער, די ערשטע זאך וואס מען דארף נאכקוקן איז, צי דער בחור האט א ראש ישיבה אדער א מורה דרך וואס ער איז בטל פאר אים, און פרעגט אים זיינע שאלות וכו׳; אויב נישט - זאגט ער - טאר מען נישט נעמען אזא איינעם פאר אן איידעם״, און ער שרייבט דארט זייער שארף, אז איינער וואס האט נישט א מענטש וועם ער פרעג זיינע ספיקות און וואס יענער זאגט פאלגט ער, דער איז א חי׳ און נישט קיין מענטש.

איך האב א צווייטע צרה, ווייל צו מיר קומען מענטשן וואס האבן געפאלגט וואס ער זאגט, און גענומען א בחור וואס האט געהאט אמאל א ראש ישיבה, אבער שפעטער איז ער אריין געפאלן אין א גאוה וכו׳, אז עס פאסט אים נישט אז איינער זאל זיך מישן אין זיין לעבן.

זאגט אבער דער הייליגער רבי (ספר המידות, אות בנים, סימן סו): ״מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ, וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת״, ווער עס האלט זיך קליין פאר זיין רבי, און ער פרעגט זיין רבי אלע זיינע ספיקות, ״אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ״, אפילו זיין רבי פארשעמט אים - פרעגט ער אים נאך אלץ זיינע שאלות און זיינע ספיקות, ״עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ״, וועט ער זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן זיין גרעסער פון זיין רבי אין תורה; אזוי אויך זאגן חז״ל (ברכות ד.): דוד המלך פלעגט פרעגן זיין רבי מפיבשת אלע זיינע שאלות, ער פלעגט אים פרעגן: מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי? וְלֹא בוֹשְׁתִּי, און ער האט זיך נישט געשעמט; האט דוד המלך זוכה געווען צו א קינד וואס

האט געהייסן דניאל וואס ער איז געווען גרעסער פון דוד'ס רבי מפיבשת. ער האט געהייסן דניאל אבער מען האט אים גערופן כִּלְאָב, איין פשט - זאגן חז"ל (תנחומא, תולדות): "כִּלְאָב, שֶׁהָיָה כּוּלּוֹ אָב - שֶׁכָּל הָרוֹאֵהוּ אוֹמֵר: "דָוִד, אָבִיו שֶׁל זֶה", ווייל ווען מען האט געקוקט אויף אים האט מען געזען אין אים אז דאס איז ממש א שטיק טאטע - א שטיק דוד המלך, נאך א פשט זאגן חז"ל (ברכות, שם): כִּלְאָב איז א לשון פון פארשעמען; ער איז געווען אזוי גרויס, אז דוד המלך'ס רבי איז פארשעמט געווארן פון זיין גרויסקייט.

איז ווען א מענטש טרעפט א רבי וואס לערנט מיט אים עצות אין לעבן; עצות ווי אזוי זיך צו דערהאלטן; א רבי וואס ברענגט אים נענטער צום אייבערשטן - ווען דער מענטש האלט זיך ביי דעם רבי'ן, אפילו דער רבי זאגט אים אמאל מוסר, אדער דער רבי שרייט אויף אים, און ער זאגט אים ווי אזוי זיך אויפצופירן - דער מענטש וועט זוכה זיין צו ווערן אן ערליכע איד און האבן קינדער צדיקים. אבער אז דער מענטש באליידיגט זיך און ער גייט אוועק; ער לאזט אפ זיין רבי, אפילו בפועל ממש דרייט ער זיך נעבן אים, און ער זוכט זיך אינטערסאנטע שאלות וואס צו פרעגן, צום ביישפיל ווען מען זאל זיך אריבער ציען אין א נייע דירה, אדער ווען מען זאל חתונה מאכן - וואסערע טאג אין חודש וכדומה, דעמאלט איז זייער ביטער.

דער רבי האט געהאט א תלמיד ר' ליפא; דער רבי האט אים אמאל געזאגט "געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן, און שפעטער הרג'עט עס דעם מענטש", ר' ליפא האט זיך באליידיגט דערפון און איז אוועק געגאנגען פון רבי'ן און מער נישט געקומען. יארן שפעטער האט אים ר' נתן געטראפן, האט אים ר' נתן געזאגט: "ליפא, וואו ביסטו אנטלאפן, עמנו הייתם?" האט אים ר' ליפא געזאגט: "דער רבי האט מיר פארשעמט", מיינענדיג די תורה וואס דער רבי האט דעמאלט געזאגט: "געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן, און שפעטער הרג'עט עס דעם מענטש", זאגט אים ר' נתן: "ליפא! פון אזא רבי'ן גייט מען אוועק? זאל דער רבי נעמען א 'דראנג' (א דיקע האלץ) און מיר האקן און שלאגן, וועל איך אויך נישט אוועק גיין".

לגבאי וואס זאג איך דיר דאס? ווייל א מענטש דארף אריין נעמען אין קאפ ׳איך דארף נישט א רבי וואס זאל שמייכלען צו מיר, און מיך זעצן אויבן אן און מיר געבן כבוד, איך דארף א רבי וואס זאל מיר היילן׳, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ל) אז א רבי איז אזוי ווי א דאקטער וואס היילט אויס דעם מענטש; ווען מען דארף ל״ע גיין צום דאקטער און דער דאקטער געבט שארפע רפואות, ווערט מען נישט באליידיגט, אדרבה - מען שיקט אים נאך א משלוח מנות, און חנוכה שיקט מען אים פאנקעס; דאס זעלבע - און נאך מער - ווען א רבי זאגט פאר א תלמיד: ״טו נישט אזוי און אזוי, ווייל דו וועסט פארלירן דיין לעבן״, וואס וויל דען דער רבי? ער וויל זיך מישן אין דיין לעבן? ער וויל זיך אריין מישן אין דיינע פריוואטע זאכן? ער האט אויך א ווייב אין קינדער, ער איז מער פארנומען ווי דיר, נאר ער וויל סך הכל אז דו זאלסט זיך נישט איין טאג טרעפן איינער אליין.

געלויבט דער אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צום רבי׳ן, און איך האב זוכה געווען צו מקבל זיין פון מוהרא״ש ז״ל די לעצטע פאר יאר; דער גרעסטער חסד וואס דער אייבערשטער האט מיט מיר געטון איז, אז איך האב זיך דערוואוסט פון דעם הייליגן רבי׳ן דורך מוהרא״ש ז״ל; מוהרא״ש האט מיר אסאך מאל געגעבן מוסר, און אסאך מאל האב איך נישט זוכה געווען צו וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קעב): ״הַצַּדִּיק - כְּשֶׁמַּרְאֶה פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת הוּא טוֹב״, ווען דער צדיק ווייזט א פרייליכע פנים איז גוט פארן מענטש. נאר ביי מיר איז געווען אסאך מאל פארקערט, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט - ״וְכֵן לְהֵפֶך״, אבער איין זאך האב איך געוואוסט: ״איך האב געטראפן א רבי וואס היילט מיר״, ״איך האב געטראפן א רבי וואס לערנט מיר אויס ווי אזוי מען לעבט״, פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ - דא בלייב איך ווי לאנג איך לעב; ווייל פונקט אזוי ווי ווען איך שפיר זיך נישט גוט, און איך גיי צום דאקטער - וואס אלעס איז נאר א ספק ספיקא צי ער ווייסט וואס טוט זיך מיט זיך, ווייל באלד קומט א צווייטער דאקטער און שרייט: ״גיוואלד! ער ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט אים וכו׳״ און ער שטעכט מיר; ער נעמט בלוט פון מיר, ער דארף ל״ע שניידן פון מיר; ווייס איך אבער אז ער היילט מיר אויס, און איך דאנק אים פאר די

באהאנדלונג, איז דאך כל שכן וקל וחומר אז אויב איך האב געטראפן א רבי וואס היילט מיר בודאי אויס, רבו שמביאו לחיי עולם הבא, וועל איך אים אפ לאזן? וועל איך אויפהערן צו פרעגן מיינע ספיקות? ווייל אפשר וועט ער מיר אראפ קוקן?

איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך שרייב דיר.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת בהעלותך, י"ב סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א מחי' צו הערן פון דיר אז דו האסט מסיים געווען ששה סדרי משנה די זעקס אין פופציגסטע מאל; ווען א מענטש פאלגט דעם רבי'ן, און ער געוואוינט זיך צו צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן (שיחות הר"ן, סימן עו) דארף ער שוין גארנישט; ווייל ער כאפט אריין יעדן טאג אביסל חומש מיטן תרגום, פרקים משניות און דפים גמרא, און די תורה - דאס מאכט פרייליך דעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב".

איך האף אז דו פירסט זיך מיט דיין ווייב אזוי ווי דו האסט געלערנט ביי מיר; ליידער לערנט מען אויס אינגעלייט נייע דרכים - חדשים מקרב באו, אשר לא שערום אבותינו, חומרות ופרישות, כאילו דאס וויל דער אייבערשטער פון אונז. דו זאלסט נישט אויסהערן איינער וואס וויל דיר אריין לייגן אין שטוב פרישות, ווייל דאס איז עצת היצר, וואס קומט מיט א פארשטעלטע פנים כאילו ער איז פרומער פון דיר, און מענטשן מיט וויניג שכל כאפן זיך גלייך צו צו פרומע משוגעת'ן.

פון די אנדערע זייט זאלסטו אכטונג געבן זיך צו פירן איידל. דו האסט יעצט חתונה געהאט - זאלסטו נישט רופן קיין געסט צו דיר אין שטוב, דו האסט צייט

שפעטער ווען דו וועסט האבן א שטוב מיט קינדער, דעמאלט קענסטו נעמען געסט ביי די שבת סעודות (פארשטייט זיך אז מען אויב מען האט גרויסע מיידלעך נעמט מען נישט קיין בחורים וד"ל), אבער יעצט זאלסטו זיך פרייען מיט דיין ווייב וכו'.

גיי נישט עסן קיין סעודות ביי חברים, אדער ביי דיין ווייב'ס חברים - דאס איז א שפיל מיט פייער, עס קען אפשר געלונגען אז מען זאל נישט פארברענט ווערן, אבער מען קען פארברענט ווערן; פאלג מיר טייערער ... עס נאר ביי דיין שווער אדער ביי א זיידע וכדומה. עס איז אן עקל און א גרויל צו זען ווי אינגעלייט פארברענגען צוזאמען, און מען שמועסט צוזאמען וכו' מענער מיט ווייבער וכו'.

שלמה המלך זאגט (משלי ו, כז): "הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה? אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה? כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ - לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ", קען א מענטש האלטן אויף זיין שויס פייער און זיינע קליידער וועלן נישט פארברענט ווערן? קען א מענטש שפאצירן אויף ברענעדיגע קוילן און זיינע פיס זאלן נישט פארברענט ווערן? דאס זעלבע איז ווען א מענטש זאגט: 'איך טו נאר דאס, איך טו נישט קיין עבירה, נאר שמועסן, נאר פארברענגען', רחמנא לצלן.

גיי נישט ארויס פארברענגען מיט חברים, גיי נאר מיט דיין ווייב; וואו דו ווילסט נאר גיין הנאה האבן פון דער וועלט - גיי מיט דיין ווייב. א בחור און א מיידל זענען צוגעוואוינט פון פאר זיי האבן חתונה, צו פארן און קומען און גיין מיט חברים, אבער איינמאל מען האט חתונה, געזעגענט מען זיך פון אלע בעסטע חברים, און מען מישט נישט אריין קיין פרעמדע אינעם לעבן.

איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך רעד, און דו וועסט עס אריין נעמען אין דיר - ווערסטו האבן א גוט לעבן.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת בהעלותך, י"ב סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבסט מיר אז איך זאל דיר צוריק שרייבן אפאר ווערטער, ווייל דו שפירסט זיך דערווייטער פון מיר וכו׳; איך פארשטיי נישט פארוואס דו שפירסט זיך דערווייטערט, דו שרייבסט מיר אז דו ביסט זיך מחי׳ מיט די שיעורים וואס מען לערנט אין ישיבה - סיי דעם דף גמרא און סיי די שיעורי התחזקות; וואס איז שייך צו זיין נענטער?

גלייב מיר, מען קען זיין אין ישיבה - און מען איז זייער ווייט, און דאס זעלבע פארקערט - מען קען זיין בריחוק מקום, אבער דאס הארץ פלאמט. מען איז אויף; מען לעבט, און מען איז זיך מחי׳ מיט נאך א דיבור פון רבי׳ן, מיט נאך א שטיק שכל פון מוהרא״ש ז״ל. דערפאר בעט איך דיר זייער, טייערע ... איך האב דיר זייער ליב איך טראכט אסאך פון דיר און דיין משפחה; דער אייבערשטער האט געמאכט מיט דיר אזאלכע גרויסע ניסים - דו האסט א טייערע ווייב, לעכטיגע קינדער, און פרנסה פעלט דיר אויך נישט, און דו האסט שוין ב״ה אן אייגענע הויז.

יעצט זאלסטו אויפבויען דיין הויז אין ׳גן עדן׳; בוי דיר א בית נצחי - אן אייביגע הויז. מוהרא״ש ז״ל זאגט אז אויב מען לערנט יעדן טאג א דף ב׳בלי, א דף י׳רושלמי, און א פרק ת׳וספתא, וואס דאס איז ראשי תיבות בי״ת - בויעט מען זיך אן אייביגער הויז.

ר׳ נתן ז״ל האט אמאל געוואלט ארויסברענגען פאר זיינס א תלמיד וואס עס הייסט אן אייביגע וועלט, האט ער געגעבן אזא משל: ״ווען מען זאל אנפילן די גאנצע וועלט מיט ווייצלעך - פון די ערד ביזן הימל, און א פייגל וואלט געגעסן איין ווייצעל יעדעס יאר, וואלט זיך דאס אמאל געענדיגט?״ האט יענער האט געענטפערט: ״ניין, ווייל ווי אזוי איז מעגליך אז דאס זאל זיך אמאל ענדיגן?!״ האט ר׳ נתן געזאגט: ״עס וועט טאקע נעמען זייער אסאך יאר, אבער איינמאל גייט זיך דאס ענדיגן, אבער דאס וואס מען לערנט, און די מצוות ומעשים טובים וואס מען כאפט אריין, דאס בלייבט לנצח נצחים - אויף אייביג״.

דערפאר, שטארק דיר, און זיי מממשיך צו לערנען יעדן טאג בלעטער גמרא; וואויל איז דיר אז אפילו דו ארבעטעסט א גאנצן טאג, און דו ביסט פארנומען וכו׳ וכו׳, דאך אנטלויפסטו יעדן טאג צו די הייליגע תורה.

עס איז כדאי אויב דו קענסט אריין קומען צום מאנטאג נאכט שיעור, ווי איך חזר איבער דאס וואס מיר האבן געהערט אלע יארן פון מוהרא״ש ז״ל; עס פרישט אויף דעם מענטש צו תורה תפילה און שלום בית.

נאכאמאל, שפיר דיך נישט ווייט פון מיר; דו ביסט מיר איינגעקריצט טיף אין מיין הארץ.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת בהעלותך, י״ב סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך טראכט זייער אסאך פון דיר ... און איך בעט אסאך דעם אייבערשטן פאר דיר אז דו זאלסט האבן א רפואה שלימה; וויסן זאלסטו אז ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך, דער אייבערשטער איז דער רופא נאמן, ער טוט אלעס, און ערווארט אז דער מענטש זאל קומען צו אים און זיך אויסגיסן זיין הארץ פאר אים.

דערפאר טייערער ליבער ברודער, שטארק זיך און בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל דיר העלפן; חז״ל זאגן (רש״י בראשית כא, יז; בשם מדרש בראשית רבה) אז מען זעט ביי ישמעאל ווען זיין מאמע הגר האט אים אראפ געווארפן אונטער א בוים, ווייל זי האט נישט געקענט אויסהאלטן צו זען ווי אזוי איר קינד גייט שטארבן, זאגט די תורה (בראשית כא, יז): ״וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר״, דער אייבערשטער האט צוגעהערט דעם געוויין פון ישמעאל, נישט דעם געוויין פון זיין מאמע, ״מִכָּאן שֶׁיָּפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה מִתְּפִלַּת אֲחֵרִים עָלָיו, וְהִיא קוֹדֶמֶת לְהִתְקַבֵּל״, פון דא זעט מען אז דער תפילה פונעם חולה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

נאך זאגן חז״ל (שבת יב:): ״מִנַּיִן שֶׁהַשְּׁכִינָה סוֹעֵד אֶת הַחוֹלֶה?״ פון ווי זעט מען אז דער אייבערשטער האלט אונטער דעם חולה? ווייל עס שטייט (תהלים מא, ד): ״ה׳ יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי״. נאך זאגן חז״ל (שם): ווען מען קומט מבקר חולה זיין זאל מען זיצן מיט א גרויסע כבוד, ווייל ״שְׁכִינָה לְמַעְלָה מֵרָאשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה״, דער אייבערשטער רוט אויף דעם קאפ פון א חולה; נאך זאגן חז״ל (שם): ״אָמַר רָבִין, מִנַּיִן שֶׁהַקָּבָּ״ה זָן אֶת הַחוֹלֶה? שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים מא, ד): ה׳ יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי״, דער אייבערשטער שפייזט דעם חולה.

דערפאר טייערע ברודער, הארציגער ברודער; געוואוין דיך צו זיך אויסצושמועסן דיין הארץ מיטן אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, און אלע דיינע ווייטאגן. בעט דעם אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך - אויף אידיש, און רעד צו אים אזוי ווי דו וואלסט געהאט זייער א נאנטע חבר, און דו וואלסט אים דערציילט ווי צעבראכן דו ביסט, זאג: ״רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, העלף מיר אייבערשטער, איך דארף א רפואה שלימה. קוים וואס איך לעב, איך גיי אריבער שרעקליכע פיין, עס איז מיר זייער ביטער, העלף מיר אייבערשטער, דו ביסט דאך דער רופא נאמן; הייליגע באשעפער איך וויל צוריק אהיים גיין און זיין אינדערהיים צוזאמען מיט מיין ווייב און קינדער, עס איז מיר אזוי ביטער דא אין שפיטאל. ענני ה׳ ענני, בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיינעט וועגן, בזכות זייער תורה, זייער תפילה און זייער ערליכקייט; בזכות אברהם אבינו, בזכות יצחק אבינו, בזכות יעקב אבינו, בזכות משה רבינו, בזכות אהרן הכהן, בזכות יוסף הצדיק, בזכות דוד המלך, בזכות שלמה המלך, בזכות רבי שמעון בר יוחאי, בזכות רבי יצחק לוריא אשכנזי, בזכות רבי ישראל בעל שם טוב, בזכות רבי נחמן בן פיגא מברסלב, בזכות רבי נתן מברסלב, בזכות רבינו אליעזר שלמה מברסלב; יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך, ה׳ צורי וגואלי. אמן כן יהי רצון״.

איך מוז דיר זאגן אז דו האסט א גרויסע נס; דו האסט א ווייב איינס אין דער וועלט ממש מצא אשה מצא טוב. זי איז אזוי איבערגעגעבן פאר דיר, און זי האט אלעס איבער געלאזט, אין זי איז מיט דיר שוין פאר אזא לאנגע צייט אין שפיטאל, דארפסטו

איר מחזק זיין. איך ווייס אז דו אליינס דארפסט רחמי שמים, ווייל קוים וואס דו לעבסט, און יעדן טאג וואס דו לעבסט איז א נס, איז ווי אזוי קענסטו יענעם מחזק זיין?

אבער זאלסט וויסן אז עס איז נישט אזוי, נאר טאקע ווייל דו אליינס דארפסט אסאך חיזוק, דארפסטו איר מחזק זיין; ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קו): "עס איז א מורא'דיגע עצה צו ווערן אליין מחוזק, אז מען איז מחזק א צווייטן", און דער רבי טייטש מיט דעם די פסוק (תהלים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", ווען א מענטש איז צעבראכן, אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין; עֵצָה לָזֶה, שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", און דורכדעם וואס ער איז מחזק א צווייטן, וועט ער אליינס ווערן מחוזק.

דערפאר זע צו דאנקען דיין ווייב, און געב איר גוטע ווערטער וכו'; הער נישט אויס דיין שוואגער וואס וויל דיר אומגליקליך מאכן, און ער רעדט צו דיר אקעגן דיין ווייב. ער איז א פשוט'ער מנוול, ווייל איינער וואס רעדט צו א אינגערמאן אקעגן זיין ווייב איז א סכנה, און מען דארף אנטלויפן פון אים ווי פון פייער וכו'. אויך זע צו רעדן שיין צו דיין מאמע; זי איז צעבראכען אויף שברי שברים, און אפילו זי שרייט אויף דיר ענטפער איר נישט צוריק, ווייל פאר א מאמע טאר מען נישט ענטפערן. דו דארפסט איר פארשטיין אז זי ווערט אנגעהעצט פון דעם צעדרייטן שוואגער וכו'. ווען א מאמע רעדט דארף מען אויסהערן און שווייגן, און איך בעט דיר - געב אכטונג אויף דיין ווייב, ווייל דאס איז דיר א מתנה פון הימל.

איך האב א שליח וואס פארט מארגן צו דיר אין שפיטאל, שיק איך מיט אים דער בריוו; איך האף אז דו שטארקסט זיך מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. מיר דארפן חזר'ן די פשוטע אמונה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", איך גלייב מיט מיין גאנצע אמונה אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן, און ער פירט

אלעס; ער טוט אלעס, ער האט אלעס געטון און ער וועט אלעס טון. ווי מער א מענטש חזר'ט די ריינע אמונה, ווערט מען מער פרייליך, און מען ווערט רואיג.

דערפאר בעט איך דיר, ווער נישט צעפאלן און דערהאלט זיך מיט אלע דיינע כוחות, גלייב אז דער אייבערשטער פירט דיר, און אלעס איז נאר לטובה. בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל דיר העלפן, און ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און אויף דיין ווייב. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע כח תפילה האט, און וואס תפילה קען אלץ אויפטון. עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בלק, קצה.) אז ווען א מענטש וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער: "איך וויל נישט אז בית דין של מעלה זאל זיך אריין מישן ווען דער מענטש קומט מיט זיינע טענות צו מיר, איך וויל זיין אליין מיט דעם מענטש וואס וויינט זיך אויס צו מיר", און דער אייבערשטער האט נישט קיין גרעסערע פארגעניגן ווי ווען א מענטש וויינט זיך אויס פאר אים; אלע טירן פון הימל זענען אפען פאר א צעבראכענעם מענטש וואס וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן, און זיינע תפילות גייען ארויף גלייך צום אייבערשטן.

זיי געזונט און שטארק; איך ווארט צו הערן אויב דו האסט דערהאלטן מיין בריוו.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת בהעלותך, י"ב סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

היינט י"ב סיון איז מיין יום הולדת; היינט איז דער לעצטער טאג פון די שבעה ימי תשלומין, עס איז די לעצטע טאג פון די זיבן טעג וואס מען קען משלים זיין די קרבנות - די אלע וואס זענען נישט אנגעקומען צו ברענגען זייערע קרבנות אינעם יום טוב שבועות.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער האט מיר געגעבן די זכיה צו לערנען מיט בחורים און אינגעלייט שוין איבער צען יאר - פון תשס"ה, און זיי אויסלערנען אז מען קען אלעס משלים זיין; אפילו דו האסט נאך נישט געברענגט דיינע קרבנות, האסטו

נאך צייט דאס צו ברענגען שפעטער. אזוי אויך אז מען האט געטון נארישקייטן קען מען נאך אלעס פארעכטן, און מען קען זיך אלעמאל צוריק קערן צום אייבערשטן.

דו האסט מיר ממש מחי׳ געווען מיט די קליפ וואס דאס האסט מיר געוויזן ווי מען האט היינט אנגעהויבן גראבן אין אומאן אונזער נייעם בנין; איך האב היינט געגעבן פאר ... צען טויזענט דאללער, און ער וועט עס שוין שיקן קיין אומאן אז מען זאל קענען ווייטער גראבן. איך האלט אז ווען די אינגעלייט און בחורים וועלן הערן אז מען בויט שוין, און אלע פלענס זענען שוין פערטיג, וועט יעדער צו לייגן א האנט.

שטארק דיך, און זיי ממשיך מיט דיין הייליגע ארבעט; א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר, הלואי זאל איך האבן נאך אפאר אינגעלייט ווי דיר וואס ארבעטן און העלפן שלא על מנת לקבל פרס, נאר פאר איין סיבה - צו העלפן פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף דער גאנצער וועלט. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואו עס קומט אלץ אן די דיבורים; נעכטן ביינאכט רופט מיך אן א אינגערמאן פון ארץ ישראל (א קרוב מיינער), און ער זאגט מיר אז ער האט נישט געהיטן שבת אפאר יאר - רחמנא לצלן, און מען רעדט דא פון א היימישער אינגערמאן וואס האט א ווייב און קינדער. בדרך לא דרך איז אים אנגעקומען א ניגון פון ישיבה, און דער ניגון האט אים געשלעפט צו נאך א ניגון, און דאס האט אים געשלעפט צו א קליינע שיעור, און נאכדעם צו א גרויסע שיעור, ביז ער היט שוין שבת און פירט זיך ערליך.

אויפן פסוק (משלי כ, ה): ״מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְלֶב אִישׁ, וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה״, זאגן חז״ל (בראשית רבה צג, ד): ״מָשָׁל לִבְאֵר עֲמוּקָה מְלֵאָה צוֹנֵן, וְהָיוּ מֵימֶיהָ צוֹנְנִין וְיָפִין, וְלֹא הָיְתָה בְּרִיָּה יְכוֹלָה לִשְׁתּוֹת הֵימֶנָּה, בָּא אֶחָד וְקָשַׁר חֶבֶל בְּחֶבֶל וְנִימָה בְּנִימָה מְשִׁיחָה בִּמְשִׁיחָה וְדָלָה הֵימֶנָּה וְשָׁתָה, הִתְחִילוּ הַכֹּל דּוֹלִין הֵימֶנָּה וְשׁוֹתִים״, אמאל איז דא א גוטע קוואל - א נחל נובע מקור חכמה, אבער א מענטש טראכט צו זיך: ׳איך בין זייער ווייט פון דעם׳; ער מיינט אז ער קען נישט אנקומען צו דעם וואסער, זאגן חז״ל אז עס געקומען א קלוגער מענטש, און האט צוגעבינדן א קליינע פאדעם צו א צווייטע

פאדעם, און דאס צוגעבינדן צו א גרויסע שטריק, און אזוי האט ער ארויס געשעפט וואסער, ביז יעדער האט אנגעהויבן טרינקען פון די געשמאקע וואסער.

די קוואל דאס איז דער הייליגער רבי, וואס זיין נאמען איז די ר״ת (משלי יח, ד): נַ׳חַל נ׳בֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה, אבער מענטשן מיינען אז דאס איז אזוי ווייט פון זיי, און דורך א ניגון וואס זיי הערן, שלעפט זיי צו הערן נאך א ניגון, און דאס שלעפט שוין צו א שיעור, און נאכדעם צו א ספר, ביז מען הייבט אן טרינקען פון די ריינע גוטע וואסער פון הייליגן רבי'ן; דאס שרייב איך דיר אז דו זאלסט וויסן וואס דו טוסט מיט דיין הפצה.

עס איז דא א היבשע פאר אינגעלייט וואס זענען שוין גרייט זיך ארויס צו ציען און זיין פון די עשרה ראשונים צו בויען א שטעטל, וואו מיר וועלן קענען אויפציען אונזערע קינדער אזוי ווי מוהרא״ש האט מיט אונז געלערנט; איך מיין אז מען דארף אביסל אונטער יאגן ... ער זאל זיך געבן א שטיקל שאקל, ווייל עס איז א שאד אז מען זאל סתם שלעפן.

איך וועל נישט גלייך ארויס גיין אהין, מחמת א פאר סיבות; דער עיקר סיבה איז ווייל איך וויל נישט אז דער מוסד דא זאל צעפאלן, איך האב צו סאך בלוט אריין געלייגט אינעם מוסד אז איך זאל דאס פארמאכן מיט מיינע אייגענע הענט; איך וועל אבער זיין דארט א גאנץ זומער מיט די בחורים און די משפחות פון שטאט, און איך טראכט אז דאס אליינס קען ברענגען פרנסה פאר אלע אינגעלייט וואס קויפן זיך דירות דארט, זיי קענען צעטיילן דעם בעיסמענט פאר אפאר דירות, און עס פארדינגען פאר די זומער.

אויך וועל איך מיטן אייבערשטנס הילף זיין דארט גאנץ תשרי, יום הקדוש; סוכות; הושענא רבה; שמחת תורה וכו׳, דעמאלט וועלן אויך קומען צו פארן תלמידים פון ישיבה מיט צו האלטן דעם יום טוב, דורכדעם וועלן די אינגעלייט דארט קענען האבן א שטיקל הכנסה.

איך וועל נאך רעדן מיט דיר פנים בפנים באריכות.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ז פ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

פארגאנגענעם מאנטאג נאכט נאכן שיעור, קומט צו צו מיר א אינגערמאן און זאגט מיר אז ער וויל מיר איבער בעטן, ווייל ער האט געהערט א האלב יאר צוריק אויף מיר א לשון הרע, און ער האט עס מקבל געווען, און ער בעט מיך אז איך זאל אים מוחל זיין, ער זאגט מיר: "איך פלעג הערן די שיעורים אויפן האטליין, אבער זייט דעמאלט הער איך דאס נישט אויס"; זאג איך אים: "מיר דארפסטו נישט איבערבעטן, בעט דיר אליינס איבער", קוקט ער מיר אן און פרעגט: "וואס הייסט?" זאג איך אים: "מיר אינטערסירט נישט וואס דו טראכסט אויף מיר, און וואס דו רעדסט אויף מיר, וואס געשעהט יא, אז דו האסט געהאט חיות פון דעם פלאץ, און דו האסט זיך פשוט מחי' געווען אז דו הערסט אזעלכע שיינע שיעורים וואס זענען דיר מחזק אין דיין לעבן, יעצט קוק דיך אן, האסט אלעס פארלוירן".

איך בין געווען ביי מוהרא"ש מנחם אבל זיין ווען ער איז געזיצן שבעה נאך זיין ברודער - דער טאקאי'ער רב ז"ל; עס איז געווען דעמאלט א הערליכער שמועס. מוהרא"ש האט דעמאלט געזאגט: "מיר גייט נישט אן וואס מען רעדט אויף מיר, עס רירט מיר נישט אפילו ביים שפיץ פון מיין קליינע פינגער, נאר איך בין צוגעגליכן צו א מענטש וואס זיצט ביים וואסער וואו מענטשן שווימען אכטונג צו געבן אויף די מענטשן, איך זע ווי מענטשן דערטרונקען זיך אין וואסער, הייב איך אןווארפן שטריק אז זיי זאלן האבן אין וואס זיך אן צו כאפן, קומט א מענטש און שניידט אפ אלע שטריק; וואס איז ער? א רוצח! אזוי אויך - זאגט מוהרא"ש - קיינער ווייסט נישט וואס גייט איבער אויף בחורים און מיידליך, אינגעלייט און ווייבליך; שרייב איך זיי ספרים וואס קען זיי ראטעווען, קומט איינער און שניידט אפ דעם שטריק: מען האט נישט געהאלטן פון דעם, מען טאר נישט אריין קוקן אין דעם וכו' וכו'".

איך זאג אים: ״קוק דיר אן, ווער האט רחמנות אויף דיר? ווער וויל דיר בכלל העלפן? נעבעך דיין ווייב האט דיר איבערגעלאזט, ווער גייט עס אן בכלל? דער אינגערמאן וואס האט געהאלטן פאר וויכטיג אז ער דארף דיך ראטעווען אז דו זאלסט נישט אנקומען קיין ברסלב - אים גייט יעצט אן אז דו ביסט אליין? אים גייט אן אז דו זעסט נישט דיין קינד? דו דארפסט מיר נישט איבער בעטן, דו דארפסט זיך אליין איבערבעטן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וויפיל מענטשן זענען זיך מחי׳ מיט די שיעורים; נעכטן רופט מיך אן א איד, און ער זאגט מיר: ״איך בין א מגיד שיעור, און א בחור ביי אונז אין ישיבה האט מסיים געווען ש״ס, אפשר מאכסטו אים אן איבעראשונג און דו קומסט צו די סיום?״ בין איך ארויס געפארן קיין מאנסי; איך קום אריין, און די זאל האט זיך פשוט איבערגעדרייט, יעדער באפאלט מיר מיט זיינע סיומים. דער בחור וואס האט געמאכט דעם סיום איז א לעכטיגער בחור וואס מען האט אים שוין געווארפן פון אלע ישיבות, און ער האט זיך געטראפן א ווינקעלע, א ישיבה וואס מען מאכט נישט אוועק דעם סדר דרך הלימוד, און ער זיצט זיך און זאגט ש״ס, אזוי אויך אלע בחורים. נו, שטעל דיך פאר אז איינער קומט צום בחור און הייבט אים אן צו זאגן: ״דו ווייסט, עס איז נישט דעם רבינ׳ס זאך״, ״מוהרא״ש האט דאס אויך נישט געמיינט״, און ער ווייזט אים אפילו שטיקלעך אין אשר בנחל, ביז דער בחור טראכט: ׳איך וויל דאך נישט פארלירן דעם רבינ׳ס זאך׳, לאזט ער אלעס אפ און גייט צוריק צו זיינע שמוציגע מעשים רחמנא לצלן.

נעכטן איז געווען מיין יום הולדת - י״ב סיון; דאס איז די לעצטע טאג פון די ימי תשלומין, עס איז די לעצטע פון די זיבן טעג וואס מען קען נאך משלים זיין צו ברענגען קרבנות - די אלע וואס זענען נאך נישט אנגעקומען צו ברענגען זייערע קרבנות פון דעם יום טוב שבועות. איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער האט מיר געגעבן די זכיה צו לערנען מיט בחורים און אינגעלייט שוין איבער צוועלף יאר - פון תשס״ה, און זיי אויסלערנען אז מען קען אייביג משלים זיין; אפילו דו האסט נאך נישט געברענגט דיינע קרבנות, האסטו נאך צייט צו ברענגען שפעטער, אזוי אויך אז מען

האט געטון נארישקייטן קען מען נאך אלעס פארעכטן, און מען קען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

איך האב זיך אריבער געכאפט קיין מאנסי צום ריבניצער רבינ׳ס ציון מתפלל זיין פאר מיר אין מיינע קינדער; אויפן וועג אראפ פון ציון כאפ איך זיך אז איך האב דאך גארנישט געבעטן פאר מיינע צרכים, איך האב דאך נאר געבעטן פאר אידישע קינדער און פאר מיינע תלמידים. דער דארף א רפואה - דאס ווייב האט נעבעך די ביטערע מחלה; דער איז נעבעך צעטיילט; א צווייטער איז צעטיילט און קיינער ווייסט נישט, ווייל ער וואוינט אין איין דירה מיט איר פון די חתונה אבער זיי האבן נישט קיין שייכות; דער דארף קינדער וכו׳ וכו׳; איך האב זייער אסאך געבעטן פאר דיר בפרטי פרטיות. איך האב אלע מיינע תלמידים אין פארנט פון מיינע א גאנצן טאג, און נאכדעם האב איך זיך געכאפט און איך האב געדארפט צוריק גיין בעטן פאר מיר וכו׳.

געדענק גוט, מיר קען מען נישט איבער בעטן; בפרט א תלמיד וואס רעדט אויף זיין רבי איז נישט דא קיין מחילה. ווערסט מיר פרעגן וואס מען קען טון? איך ווייס נישט, פרעג א רב, פרעג א דיין; אבער זאלסט זאגן פאר דעם רב און דעם דיין וואס עס מיינט א רבי, ווייל ער וועט מיינען וכו׳.

זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע ענינים, און דו זאלסט קיינמאל נישט רעדן אויף א מענטש וואס האט דיר געהאלפן; זאלסט קיינמאל נישט זאגן פאר א צווייטן מענטש וואו ער זאל גיין און וואו ער זאל נישט גיין; קיינער האט דיר נישט געפרעגט און קיינער איז נישט אינטערעסירט וואס דו האלסט.

אז א בחור אדער א אינגערמאן האט געטראפן א פלאץ וואס דארט שעפט ער חיות, ווי אזוי האסטו א רעכט אים צו מחליש דעת זיין?! ווי אזוי האסטו א רעכט אים אוועק צו נעמען פון דארט?!

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב געשריבן פאר דיין ווייב תחי' אז זי זאל נישט נאכמאכן ... וכו', נאר זי זאל ווייטער גיין אנגעטון אזוי ווי א ערליכע אידישע פרוי גייט אנגעטון, און אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג, וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

איך האף אז דיין ווייב האט פארשטאנען וואס איך מיין; גלייב מיר איך וויל גארנישט נאר אז איר זאלט אויפשטעלן אן ערליכע שטוב. געדענק ווי איך האב מיך מוסר נפש געווען פאר דיר אלץ בחור, איך האב דיר א חתן געמאכט מיט מסירות נפש, און יעצט וויל איך נאר אז איר זאלט האבן ערליכע דורות, און זאל ... איר נאכמאכן.

א פרוי טאר נישט שמירן די אויגן, אזוי זאגן חז"ל (שבת סב:) אויפן פסוק (ישעיהו ג, טז): "יַעַן כִּי גָבְהוּ בְּנוֹת צִיּוֹן, וַתֵּלַכְנָה נְטוּיוֹת גָּרוֹן, וּמְשַׂקְּרוֹת עֵינָיִם, הָלוֹךְ וְטָפֹף תֵּלַכְנָה, וּבְרַגְלֵיהֶם תְּעַכַּסְנָה"; וּמְשַׂקְּרוֹת עֵינָיִם זאגט די גמרא - דְּהֲוָה מְלְאָן כּוּחְלָא לְעֵינֵייהוּ וּמְרַמְזָן, זיי פלעגן זיך שמירן זייערע אויגן ווען זיי זענען ארויס אויפן גאס, כדי צו ציען צו זיך אויפמערקזאמקייט, וּבְרַגְלֵיהֶם תְּעַכַּסְנָה - זיי האבן זיך אנגעשמירט מיט א שטארקע שמעקעדיגע פערפיום אז מענטשן זאלן קוקן אויף זיי. אָמַר רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי חֲנִינָא מְלַמֵּד שֶׁפָּרְחָה בָּהֶן צָרַעַת - דער אייבערשטער האט זיי באשטראפט, אז אנשטאט די איי ליינער וואס זיי האבן געלייגט אויף די אויגן, זענען זיי באפימפעלט געווארן מיט שרעקליכע פימפעלס, און אנשטאט די גוטע שמעקעדיגע פערפיום האבן זיי באקומען א שלעכטע געראך.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, און מיר געפונען זיך אין היכל הקודש קודש הקדשים. דארף א מענטש וויסן אז ער טראגט א גרויסע אחריות מיט זיין אויפירונג, ווייל מען קוקט אונז נאך מיט טויזענט אויגן, און דער דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר

אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן אז עס זאל נישט ארויס גיין א שלעכטע נאמען אויפן צדיק; בפרט א פרוי וואס פארופט זיך א תלמידה פון היכל הקודש דארף זיין זייער פארזיכטיג נישט צו גיין אנגעטון נישט איידל.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן א געפיל צו צניעות, ווייל עס איז נישט דא קיין סימן אין שלחן ערוך ווי אזוי די קלייד דארף אויסקוקן וכו', צניעות איז א געפיל זאך - א איידעלע פרוי טוט זיך אן איידל; אזוי אויך דארף מען גיין אנגעטון שיין און נישט שלעפעריש, אז מענטשן זאלן זען אז די ערליכע איידעלע פרויען גייען אנגעטון שיין צוזאמגענומען, און זיי זענען אייביג ריין און זויבער.

זיי מחזק דיין ווייב; זאג איר אז אין שטוב פארן מאן קען מען גיין וכו' וכו', אבער אין גאס דארף מען זייער אכטונג געבן צו גיין אנגעטון איידל.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת

יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**שלום וברכה להאברך היקר ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

הדבר הראשון - דארפסט זיך זייער שטארקן; דו קוק נישט אויף קיינעם, נאר גיי ווייטער דיין וועג צו מחזק זיין בחורים, און אריינלייגן אין זיי אלעס וואס מיר האבן זוכה געווען בזכיות חנם צו מקבל זיין פון מוהרא"ש ז"ל.

וויסן זאלסטו אז מען קען נישט נאכמאכן א צווייטן, נאר יעדער דארף ארבעטן און זיך פירן אויף זיין אופן ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים באשאנקען, מיט זיינע טאלאנטן וכו׳. די אלע וואס מאכן נאך א צווייטן - ארבעט זיך עס נישט אויס, און עס האט נישט קיין טעם און קיין ראם. למשל א מלמד איז מצליח מיט זיינע תלמידים לויט א געוויסער מהלך, אדער א מגיד שיעור האט א וועג ווי אזוי ער האלט זיין כתה - איז גוט פאר אים, און געבענטשט זאל ער זיין; קומט א צווייטער און זעט ווי אזוי יענער מלמד אדער יענער מגיד שיעור איז אזוי שיין מצליח, און אלע תלמידים לערנען און דאווענען, טראכט ער צו זיך אז ער וויל אויך מצליח זיין, און ער הייבט אן יענעם אויס צו פרעגן וואס און ווען און ווי, און ער הייבט אן פרובירן יענעם נאכצומאכן, אבער עס ארבעט זיך נישט אויס, און ער קען נישט פארשטיין פארוואס; פארוואס יענער איז מצליח און איך נישט? אבער דער ענטפער איז זייער פשוט, יענער ארבעט מיט זיין אייגענע נאטורן וכו׳, ממילא איז ער מצליח, משא״כ דער צווייטער מאכט נאך, גייט עס נישט.

מוהרא״ש ז״ל פלעגט זאגן אויף דעם מאמר חז״ל (בבא בתרא כא.): ״קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה, אז עס שטייט נישט קנאת סופרים תרבה ׳סופרים׳, ווייל דער נקודה איז נישט יענעם נאך צו מאכן, נאר קנאת סופרים תרבה ׳חכמה׳, דאס הייסט אז ווען איך זע ווי יענער איז זייער שיין מצליח, תרבה חכמה, דארף איך טראכטן צו מיר וואס קען איך טון אז איך זאל מצליח זיין אין מיין זאך.

לגבי וואס זאג איך דיר דאס? כדי דו זאלסט נישט טראכטן קיין איין מינוט אז ביי א צווייטן איז בעסער; יעדער ראש ישיבה און יעדער מגיד שיעור וואס וויל ארויפארבעטן בחורים שפייט בלוט - פשוטו כמשמעו. דאס וואס דו זעסט אז איך קום אויף אומאן מיט די בחורים און מען דאווענט שיין אלע צוזאמען - זאלסטו וויסן אז עס ליגט אונטער דעם טייכן בלוט; דאס וואס דו הערסט אז בחורים אין ישיבה לערנען און זענען מסיים כל התורה כולה, דאס איז נישט געשען פון זיך אליין, נאר אונטער דעם ליגט אסאך תפילות, אסאך וויינען צום אייבערשטן, און אסאך עגמת נפש וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן.

איינער וואס ארבעט נישט מיט מענטשן האט נישט קיין השגה וואס הייסט א מלמד, א מגיד שיעור, א מנהל, א מנהלת וכו׳. מען זעט ווי עלטערן זענען זייער מזלזל אין א מלמד וכו׳, מען האלט אים פאר א בטלן וכו׳, וואס באמת דארף מען זיך מאכן א פשוט׳ער חשבון; א מענטש האט נישט קיין געדולד די פאר שעה במשך דעם שבת צו זיצן מיט זיינע קינדער, אדער ווען די ווייב בעט אז מען זאל אכטונג געבן אויף די קינדער ווייל זי דארף ארויסגיין וכו׳, ווערט מען אזוי נערוועז, און דא זיצט א מלמד א גאנצן טאג - נישט נאר מיט איין קינד, נאר מיט א גאנצע כתה קינדער.

הלואי זאלן עלטערן זיך צוזאמנעמען און העלפן די מלמדים אז מען זאל זיי קענען באצאלן צייטליך, און מען זאל זיי קענען העכערן זייער געהאלט, כדי אז דער מלמד זאל האבן אביסל הרחבת הדעת, אז ער זאל זיין רואיג אין כתה מיט די קינדער, און נישט האבן קיין דאגה אז ער קען נישט איינקויפן אויף שבת.

מענטשן מיינען אז היינטיגע צייטן איז נישט דא אזעלכע מעשיות וואס מען ליינט אין די מעשה ביכלעך, אז מענטשן האבן נישט אויף שבת צו מאכן; איך זאג דיר, אז היינט זענען דא אינגעלייט וואס האבן נישט די פאר דאללער צו איינקויפן אויף שבת. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיר זענען אדורך די ערשטע פאר יאר; איך האב נישט געהאט צו באצאלן פאר די מלמדים, מיר האבן זייער ערליכע און איידעלע מלמדים, און זיי האבן נישט געבעטן קיין געלט פון מיר, ווייל זיי האבן געוואוסט אז עס איז נישט דא קיין איין דאללער אין די ישיבה קאסע, און ווען זיי פלעגן קומען אין אפיס מיר גריסן גוט שבת, פלעג איך ווערן רויט ווערן פאר בושה, יעדע וואך; איך פלעג מיך באהאלטן פרייטאג, ווייל איך האב זיי נישט געקענט קוקן אין פנים פאר בושה, און איך פלעג וויינען צום אייבערשטן אז איך זאל זיי קענען באצאלן.

דאס וואס דו פרעגסט מיר ווי אזוי מען קען פועל׳ן אז בחורים זאלן זיך אנטון א רעקל און א גארטל ביים דאווענען; מוהרא״ש האט מיר שטענדיג געזאגט אז בחורים זענען אזוי ווי קלעי, ווי אזוי דו וועסט זיי אויספארעמען אזוי וועלן זיי בלייבן. מען דארף אסאך רעדן צו זיי פון דאס חשיבות פון דאווענען, מען דארף רעדן נאכאמאל

און נאכאמאל. דער רבי האט געזאגט אז א דיבור האט א כח; און אפילו מען פועל'ט נישט גלייך אויף די מינוט, דארף מען גלייבן אז יעדע ווארט וואס מען רעדט צו א צווייטער איד, בפרט צו בני הנעורים, פועל'ט ביים סוף.

נאך א וויכטיגע זאך זאלסטו וויסן, אז מען קען נישט גיין מיט כח; די ערשטע יאר ווען מוהרא"ש איז געקומען צו אונז אין קעמפ האט ער געזאגט פאר די בחורים: "די וועלט זאגט אז דו קענסט ברענגען דאס פערד צום ברונעם ער זאל קענען טרינקען וואסער, אבער אויב דער פערד וויל נישט אליינס טרינקען, קענסטו אים נישט אריין שטעקן זיין קאפ אינעם ברונעם, ווייל ער וועט דיר געבן אזא שטויס, אז דו וועסט גע'הרג'עט ווערן רחמנא לצלן".

דאס זעלבע - האט מוהרא"ש ז"ל געזאגט פאר די בחורים - איז לגבי ענקער ראש ישיבה; דער ראש ישיבה קען ענק ברענגען צום ברונעם אז איר זאלט קענען טרינקען, א בחור זאל זען אז איך קען אויך לערנען, איך קען אויך זיין אן ערליכער איד, אבער דער ראש ישבה קען נישט אנכאפן א בחור און אים צודרוקן צום וואנט וכו'. פון יונגע בחורים קען מען מער פארלאנגען, אבער ווען זיי ווערן עלטער דארף מען מער רעדן און מחזק זיין, און אזוי גייט עס מער אריין אין זיי.

דערפאר זאלסטו ווייטער ממשיך זיין מיט דיין הייליגע ארבעט, צו מחזק זיין די בחורים; און לייג אריין אין זיי אמונת חכמים וואס דאס איז דער עיקר. ווייל א בחור וואס האט אמונת חכמים - ער גלייבט אין אמת'ע צדיקים, אטאמאטיש וועט ער אלעס מקבל זיין, אבער אז עס פעלט אין די אמונה - מען גלייבט נישט אין הייליגן רבי'ן, און אין זיינע הייליגע תלמידים, איז א שאד די צייט.

גלייב מיר אז איך קען דיר מחזיק זיין, ווייל איך גיי אריבער וואס דו גייסט אריבער - און נאך מער; וויפיל מאל טראכט איך צו מיר 'מה לי ולצרה הזאת?' באשעפער אין הימל וואס דארף איך ארבעטן מיט מענטשן, בפרט מיט בחורים, וואס ווער עס ווייסט און ווער עס טוט מיט בחורים ווייסט וואס דאס איז; דו קענסט ארבעטן מיט א

מענטש, און זיך פשוט אוועק געבן פאר יענעם - דיין גאנצע לעבן, דיין צייט, דיין אייגענע ווייב און קינדער, און ביים סוף כאפט מען א ביס פון אים.

חז״ל זאגן (מדרש תנחומא פרשת נח, ט) אויפן פסוק (בראשית ז, כג) ״וַיִּשָּׁאֶר אַךְ נֹחַ״; שֶׁאִיחֵר מְזוֹנוֹת לָאֲרִי וְהִכִּישׁוֹ, נח האט זיך אביסל פארשפעטיגט צו געבן עסן פארן לייב, האט אים דער לייב געביסן. פונקט אזוי ווי נח וואס האט זיך מוסר נפש געווען א גאנץ יאר פאר אלע חיות און בהמות זיי צו געבן עסן אין די תבה, און איין טאג האט ער זיך אביסל פארשפעטיגט צו געבן עסן פארן לייב, האט ער געכאפט א ביס; אזוי איז מיט מענטשן; דו קענסט ארבעטן פאר זיי, זיך צערייסן פאר זיי פשוטו כמשמעו, שלא על מנת לקבל פרס און נאכדעם שפייט מען דיר אין פנים.

חז״ל זאגן (ויקרא רבה י, ב) אויפן פסוק (ישעיהו ו, ח): ״וָאֶשְׁמַע אֶת קוֹל ה׳ אֹמֵר, אֶת מִי אֶשְׁלַח וּמִי יֵלֶךְ לָנוּ״, ישעיהו הנביא האט געזאגט אז ער האט שפאצירט ביי זיך אין בית המדרש, און פלוצלינג הערט ער ווי דער אייבערשטער זאגט: ״וועם זאל איך שיקן צו די אידן מיט א נבואה? איך האב זיי געשיקט דעם נביא עמוס - האבן די אידן חוזק געמאכט פון אים, זיי האבן געזאגט: קען דען זיין אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן עמוס צו זיין א נביא, ער האט דאך נישט קיין קלארע דיבור?! אזוי ווי חז״ל זאגן אז פארוואס הייסט ער עמוס? ווייל ער איז געווען עָמוּס בִּלְשׁוֹנוֹ, ער האט נישט געקענט רעדן קלאר; האב איך זיי געשיקט א צווייטע נביא - מיכה, ער זאל זיי זאגן נביאות, האבן די אידן אים געשלאגן, אזוי ווי עס שטייט בַּשֵּׁבֶט יַכּוּ עַל הַלְּחִי אֵת שֹׁפֵט יִשְׂרָאֵל; וועם קען איך שיקן צו די אידן?״ האט ישעיהו הנביא געזאגט: ״וָאֹמַר הִנְנִי שְׁלָחֵנִי״, איך בין מסכים צו גיין, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: ״בָּנַי טַרְחָנִים הֵם, סַרְבָנִים הֵם, מְקַבֵּל אַתָּה עָלֶיךָ לִלְקוֹת וּלְהִתְבַּזּוֹת מֵהֶם?״ מיינע קינדער זענען שווערע קינדער, זיי זענען ווידערשפעניגערס, דו קענסט באשטיין צו זיין זייער נביא אפילו זיי וועלן דיר שלאגן און פארשעמען? האט ישעיהו הנביא געענטפערט: ״עַל מְנַת כֵּן״, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: ״וועסטו זיין מער ווי אלע נביאים״.

זעט מען פון דעם, אז ווען איינער נעמט זיך אונטער צו העלפן דעם אייבערשטנס קינדער, עַל מְנַת לְלְקוֹת וּלְהִתְבַּזּוֹת מֵהֶם, איז ער זוכה צו זייער גרויסע זאכן. דערפאר זאלסטו זיך שטארקן און ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז צו מחזק זיין בחורים; מוהרא"ש ז"ל האט שטענדיג געזאגט אז זיין נשמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט נאר פאר בחורים - צו מחזק זיין בחורים, ווייל קיינער אין דער וועלט פארשטייט נישט דעם צער פון א בחור. א בחור וויל זיין גוט, ער וויל זיין ערליך, אבער עס גייט אים נישט, ווייל ער איז א פלג גוף; איז וואויל פאר דיר און פאר אלע וואס העלפן דיר אז דו זאלסט זיי קענען מחזק זיין.

בנוגע וואס דו פרעגסט ווי אזוי מען ברענגט אריין אין בחורים א חשק צו גיין אין מקוה; דאס קען מען באווייזן נאר דורך רעדן פון דאס גרויסקייט פון מקוה נאכאמאל און נאכאמאל; און אויב א בחור איז אויפגעשטאנען שפעט, טאר מען אים נישט קנס'ענען מיט מקוה, ווייל דו ביסט נאכדעם גורם אז דער בחור זאל נישט גיין אין מקוה, און אז א בחור געוואוינט זיך צו, נישט צו גיין אין מקוה, וועט ער שוין א גאנץ לעבן נישט גיין אין מקוה, און אויב ער האט זיך יא מרגיל געווען צו גיין אין מקוה, וועט ער גיין אין מקוה זיין גאנץ לעבן.

איך זע צופרי אין מקוה בעלי בתים וואס עפענען נישט קיין אידיש ספר ווי לאנג דאס יאר איז, און זיי ליגן אין זייערע מעשים וכו' וכו', אבער זיי גייען אין מקוה; זיי ווייסן ניטאמאל פארוואס און פארוועו. וואס איז דער פשט? ווייל זיי האבן געהאט א גוטע חינוך, און נאכדעם איז עס שוין געבליבן אינעם מענטש. עס זענען דא נארישע מגידי שיעורים וואס קנס'ענען א בחור אויב איז ער נישט צייטליך, אז ער קען מער נישט גיין אין מקוה; וואס געשעהט? דער בחור טראכט צו זיך 'א גוטן טאג, לאז מיך אפ איך דארף נישט דעם מקוה'.

מוהרא"ש ז"ל זאגט אז מען טאר נישט קנס'ענען א קינד אין חדר אדער א מיידל אין סקול - מיט תהילים; דאס הייסט, למשל אויב א קינד האט געטון א זאך וואס מען טאר נישט, ער האט זיך מתחצף געווען וכדומה, טאר מען אים נישט קנס'ענען מיט א

מצוה - אים זאגן אז היינט דארף ער זאגן כך וכך קאפיטליך תהילים פאר א קנס, ווייל עס גייט אריין אינעם קינד א שנאה צו תהילים, און דאס קינד קוקט אן דעם תהילים ווי א קנס, און שפעטער ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער מער קיינמאל נישט וועלן זאגן קיין תהילים וכו'.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח ... ממשיך צו זיין מיט דיין הייליגע ארבעט.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מזל טוב פאר דיין 39'סטע מאל וואס דו האסט געענדיגט ששה סדרי משנה; קוק צו וואס מען קען זוכה זיין ווען מען פאלגט דעם רבי'ן מיט תמימות ופשיטות. דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן אז ער זאל יעדן טאג זאגן ח"י פרקים משניות (שיחות הר"ן, סימן קפה), און ר' נתן האט דאס מקיים געווען זיין גאנץ לעבן.

מוהרא"ש ז"ל שרייבט אין אשר בנחל אז ר' נתן האט זוכה געווען צו נעמען פון רבי'ן מיט אזא ביטול, נאר ווייל ער האט יעדן טאג געזאגט ח"י פרקים משניות; - חַי חַי הוּא יוֹדוּךָ, אז מען לערנט ח"י פרקים משניות יעדן טאג איז מען געלויבט.

א גוטע נאכט.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

לדעתי זאלסטו שטיין ווייט פון די סארט מצות; ב"ה אז די משפחה נעמט שוין קער וכו', דו זאלסט נאר מכבד זיין דיינע עלטערן. חז"ל זאגן (מדרש שוחר טוב, שמואל-א, כד): "חַיָּיב אָדָם בְּכָבוֹד חָמִיו כְּבִכְבוֹד אָבִיו", א מענטש איז מחויב צו מכבד זיין די שווער אזוי ווי מען דארף מכבד זיין א טאטע. דערפאר זאלסטו נישט האבן קיין שייכות מיט אסיפות ווי אזוי מען גייט שטעלן טאטע מאמע אין פלאץ אז זיי זאלן נישט רודפ'ן און הרג'נען זייערע קינדער; דאנק דעם אייבערשטן אז דיין ווייב איז געזונט און שטארק. ווען דו ביסט דא געווען מיט איר האב איך פארשטאנען פון אירע ווערטער אז זי איז זייער א ווארעמע מאמע צו אירע קינדער, און זי איז נישט אביוזט געווארן.

נאכאמאל, קריג דיך נישט מיט דיין משפחה, נאר זע צו גיין צווישן די טראפן, און געדענק: "משפחה הייבט זיך אן פון דיר און דיין ווייב אראפ" - דאס איז דיין משפחה. קיינער זאל דיר נישט פארדרייען דאס קאפ אז דו רייסט אפ די משפחה, מיט דעם וואס דו באטייליגסט זיך נישט וכו'. געדענק וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, חלק ב', סימן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה הוּא פִּקֵּחַ", א קלוגער מענטש אנטלויפט פון צרות.

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט דיר; דו האסט א ווארילע פרוי מיט לעכטיגע קינדער. זיך דיר נישט קיין מצות, נאר דו זאלסט זיין א געטרייער מאן און א ווארעמע טאטע פאר דיינע קינדער.

זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיט משניות, אויך א ביסל גמרא; נאר דאס בלייבט פונעם מענטש - דאס ביסל תורה וואס מען כאפט ארויס יעדן טאג. און געוואוין דיר צו זיך אויסשמועסן דיין הארץ מיטן אייבערשטן, פארציייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, און בעט אים אלעס וואס דו דארפסט, וועסטו האבן א שיין לעבן.

א גוטע נאכט.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך בין נעכטן געווען אין מאנסי; א מגיד שיעור האט מיר גערופן אז ער האט א בחור וואס האט מסיים געווען ש"ס בזכות די שיעורים פון ישיבה, און ער האט מיר געבעטן אז איך זאל ארויס קומען צו דער סיום; איך האב סיי ווי געהאט בדעה צו פארן קיין ריבניץ צו מתפלל זיין ביים ציון אינעם טאג פון מיין יום הולדת, בין איך אהין געגאנגען צום סיום. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן די שמחה וואס דארט איז געווען; דער בחור האט געלאכטן פון שמחה - אז ער האט זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס, מען האט ממש געזען וואס דער רבי האט געזאגט, אז ווען מען איז זוכה צו מסיים זיין גאנץ ש"ס באקומט מען א צלם אלקים.

אסאך בחורים זענען צוגעקומען צו מיר און זיך באדאנקט; "איך קום דיר מיין לעבן" - זאגן זיי מיר. איך בין אהין געגאנגען זיי צו מחזק זיין, און ביז דערווייל בין איך געווארן מחוזק, אזוי ווי חז"ל זאגן: בא ללמד ונמצא למד. עס ווערט ממש מקוים וואס מוהרא"ש האט געזאגט: "ווען איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט, וועט מען אננעמען מיינע דיבורים"; דארט זענען געווען בחורים פון אפאר ישיבות, און אלע האבן מיר געזאגט אז זיי אלע לערנען משניות, און חומש וכו' וכו'.

דאס איז מיין גאנצע נחת - אז איך קען מזכה זיין נאך א איד צו לערנען און דאווענען און צו האבן כל טוב. מען געבט זיך איין דריי, און מיר גייען שוין צוריק אהיים צום אייבערשטן. ווען מען לייגט אריין א מענטש אין דער ערד, דעמאלט וועט אים צוניץ קומען די פרקים משניות און דפים גמרא וואס ער האט געלערנט.

איך בעט דיר טייערע ..., זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג. אפילו דו פארשטייסט נאך נישט וואס דו זאגסט, זאלסטו זאגן א דף נאך א דף, ווייל די תורה וואשט אינגאנצן אפ דעם מענטש פון זיינע עבירות; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי

מוהר"ן חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד" גִימַטְרִיָא שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמְחַטַאֶת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִקְרֵאת "לִילִית", ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואס ווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית.

ווער עס כאפט זיך אן אינעם דף גמרא האט אן אנדערע טאג, און אן אנדערע לעבן; בפרט אז מען הייבט אן דעם טאג מיט א דף גמרא, איז דער גאנצער טאג אן אנדערע טאג.

דא אין ישיבה לערן איך פאר יעדן צופרי דעם דף גמרא; עס איז ממש א מחי' מיט צו האלטן דעם שיעור. וואס אחוץ פון די מצוה פון לימוד התורה איז עס א סגולה פאר שלום בית, ווייל א אינגערמאן וואס שלאפט אריין ביזן טאג אריין, ווערט ער זייער מזולזל ביי זיין ווייב. ווייל זי דארף אראפ לויפן מיט די קינדער צום באס, און זי שטייט אויף מיט מסירות נפש צו געבן צו עסן פאר אירע קינדער, און אויב דער מאן שלאפט, באדערט דאס פארן ווייב. אסאך מאל איז די פרוי זייער א ווארילע און זי וועט עס נישט זאגן פאר איר מאן, אבער דאס איז דער מציאות - א פרוי ווען זי שטייט אויף און הייבט אן איר ווירטשאפט, וויל זי אז איר טייערע מאן זאל זיין אינדרויסן.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו גייסט אנגעטון איידל, און דו געבסט אכטונג פאר דו גייסט ארויס פון שטוב אז דו זאלסט זיין איידל און ערליך; שטארק דיר, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט זוכה זיין צו ערליכע דורות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים,

סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

וויסן זאלסטו אז קיינער פארטרעט נישט ברסלב, און קיינער פארטרעט נישט היכל הקודש; ווער עס וויל וויסן וואס ברסלב איז, זאל נעמען די הייליגע ספרים פון רבי'ן - דארט קען מען זען וואס ברסלב איז. ווער עס וויל וויסן וואס מוהרא"ש האט געוואלט, און וואס זיין שטרעבן איז געווען - זאל נעמען דעם ספר אשר בנחל, און זיך מאכן א שיעור אין דעם, וועט ער זען וואס מוהרא"ש האט געוואלט. מען קען נישט קוקן אויף מענטשן, ווייל ווען מען קוקט אויף מענטשן האט מען חלישות הדעת.

די אלע וואס זענען געקומען קיין ברסלב וועגן פלוני און וועגן אלמוני - די אלע זענען נאכדעם אוועק געגאנגען, ווייל זיי האבן געהאט חלישות הדעת, משא"כ די אלע וואס האבן געקוקט אויף זיך, זיי האבן געוואוסט וואס זיי ווילן, 'איך בין געקומען צום רבי'ן, אז דער רבי זאל מיך אויסהיילן', די אלע האבן זייער שיין מצליח געווען.

לגבי וואס זאג איך דיר דאס? ווייל דו זאגסט מיר אז דו זעסט פרויען דא אין היכל הקודש וואס שמירן זיך די אויגן, און גייען נישט ווי עס דארף צו זיין וכו', און דו וואונדערסט זיך צי מען מעג אזוי גיין; וויל איך דיר זאגן אז אויב דו ווילסט מצליח זיין אין לעבן זאלסטו גוט געדענקען וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט: מיש דיך נישט ביי א צווייטן, און קוק נישט אויף א צווייטן; בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן גוטע אויגן און זען נאר דאס גוטס פון יעדן איינעם. די אלע מענטשן וואס זענען פארנומען מיט יעדן איינעמ'ס רוחניות זענען זייער פארדרבענע מענטשן, איך האב דאס אליינס מיט געלעבט, און איך גיי דאס נאך היינט דורך.

מען פלעגט לויפן צו מוהרא"ש מיר פאר'מסר'ן יעדע צוויי מינוט, און מען איז געשטאנען מיט א שפאקטיוו און געקוקט וואס איך טו; פון ווי ווייס איך דאס? ווייל מוהרא"ש האט מיר דאס געזאגט: "מען זוכט אויף דיר שלעכטס". ... ני"ו האט מיר

אמאל געזאגט, אז מוהרא"ש האט אים געזאגט ערב ראש השנה אין אומאן: "איך ווייס נישט וואס זיי ווילן פון יואל, באלד וועלן זיי קומען זאגן וואסערע אונטער וועש ער גייט וכו'"; די אלע וואס זענען פארנומען נאכצוקוקן א צווייטן און זענען פארנומען מיט א צווייטן - זענען פשוט מענטשן וואס זענען מקנא א צווייטן, פארדארבענע מענטשן וואס עסן זיך אויף לעבעדיגערהייט, און זענען אומצעפרידענע מענטשן פון נאטור.

אויב דו מיינסט אז איך בין שוין פארטיג, וועל איך דיר דערציילן וואס איך האב געהאט דעם מוצאי שבועות; עס שטעלט מיר אפ איינער וואס דאווענט שוין נישט דא, אבער ער שפירט נאך אן אחריות אז עס ליגט אויף אים וכו', און ער האלט מיר פאר היתכן איך האב צוגעלאזט אז קינדער זאלן דוכנ'ען? איך קוק אים אן, און איך פרעג אים: "איך דאווען דא, און איך ווייס נישט וואס דו רעדסט", מען טאר נישט קוקן בשעת די כהנים דוכנ'ען אזוי ווי חז"ל זאגן (חגיגה טז): "דָּרַשׁ רַבִּי יְהוּדָה בְּרַבִּי נַחְמָנִי - מְתוּרְגְּמָנֵיהּ דְּרֵישׁ לָקִישׁ: כָּל הַמִּסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים עֵינָיו כֵּהוֹת: בַּקֶּשֶׁת, וּבַנָּשִׂיא וּבַכֹּהֲנִים", ווער עס קוקט אויף די כהנים בשעת מען דוכנ'ט, ווערן זיינע אויגן שוואכער, לְפִי שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל יְדֵיהֶן, ווייל דער אייבערשטער רוהט דארט, דערפאר דעקט מען זיך צו מיט די טלתים, און מען נעמט די קינדער אונטערן טלית.

איך קוק אים אן, און איך פרעג אים: "איך דאווען דא און איך ווייס נישט וואס דו רעדסט, דו דאווענסט דאך ניטאמאל דא, ווי אזוי ווייסטו וואס טוט זיך דא?! חוץ מזה, עס איז א בפירוש'ע הלכה (שלחן ערוך אורח חיים, סימן קכה, סעיף לד): "קָטָן שֶׁלֹּא הֵבִיא שְׁתֵּי שְׂעָרוֹת, אֵינוֹ נוֹשֵׂא אֶת כַּפָּיו בִּפְנֵי עַצְמוֹ כְּלָל; אֲבָל עִם כֹּהֲנִים שֶׁהֵם גְּדוֹלִים, נוֹשֵׂא - לִלְמוֹד וּלְהִתְחַנֵּךְ", א קינד טאר נישט דוכנ'ען אליינס, אבער אויב זענען דא גדולים וואס דוכ'ענען, מעג א קטן דוכנ'ען, ווייל עס איז חינוך, און די פוסקים זאגן אז ער דארף מאכן א ברכה (שם, מגן אברהם ס"ק מט).

יענער שרייט אויף מיר אז איך פיר איין נייע זאכן, און דאס איז אפיקרסות וכו' אין די צייט וואס דאס איז א בפירוש'ע הלכה; האב איך געזען וואס מוהרא"ש ז"ל

האט מיר געזאגט אלע יארן, אז די אלע וואס שטייען אין קוקן אויף א צווייטן זענען פארביטערטע מענטשן, זיי האבן נישט קיין שום חיות, און זייער גאנצע חיות איז נאר אריין צו קריכן יענעם אין די קישקעס.

איך בעט דיר, דאנק דעם אייבערשטן פאר אזא לעבן וואס דו האסט, דיין מאן איז א טייערער אינגערמאן; במשך אלע יארן וואס ער איז געווען אין ישיבה איז ער געווען אזוי וואויל, ער האט קיינמאל קיינעם נישט וויי געטון. דו האסט זוכה געווען צו האבן אזא מאן, דארפסטו טאנצן יעדן טאג.

דו גיי ווייטער אנגעטון בצניעות, און ווען דו זעסט א פרוי וואס גייט אנגעטון מער רעש'דיג זאלסטו איר נישט נאכמאכן, נאר דו זאלסט גיין אזוי ווי דו האסט געלערנט פון מוהרא"ש ז"ל; וויפיל מאל האט דיר מוהרא"ש געזאגט אז מען דארף אכטונג געבן ווי אזוי מען גייט אנגעטון? דו האסט מיר אליין פארציילט ווי שיין מוהרא"ש פלעגט רעדן צו דיר, און זיך בעטן אז מען דארף אכטונג געבן וכו' וכו'. דאס זאלסטו איבערגעבן פאר אלע דיינע חבר'טעס, נישט מען זאל מיינען אז אין היכל הקודש קען מען אלעס טון.

זיי געזונט און שטארק, און דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט שטענדיג זיין פרייליך און רואיג.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי מיר דן לכף זכות אז איך ענטפער נישט גלייך צוריק, איך קום פשוט נישט אן צו עפענען יעדן טאג די בריוו וואס מען שיקט מיר אלץ, און ווען איך עפען שוין יא די בריוו, קום איך נישט אן גלייך צו ענטפערן. ברודער, איך האב דיר ליב אהבת נפש,

און איך בעט פאר דיר כסדר; איין זאך בעט איך דיר: פארליר זיך נישט, געדענק וואס דער נביא זאגט (חגי ב, ט): ״גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן, מִן הָרִאשׁוֹן״, דו וועסט אי״ה אויפשטעלן א שיינע שטוב.

וואס איז געווען איז געווען, העיקר להסתכל כל החיים קדימה, מען גייט פאראויס; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קצח): ״כְּשֶׁאֶחָד צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוֹמְרִים לוֹ לִסַּע, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: ״מַה תִּצְעַק אֵלָי, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ״, ווען א מענטש שרייט צום אייבערשטן, זאגט מען אים: ״גיי״, אזוי ווי מען זעט ווען די אידן זענען געשטאנען פארן ים סוף, און זיי האבן געשריגן צום אייבערשטן, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: ״מַה תִּצְעַק אֵלָי? דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ״, וואס שרייסטו צו מיר, זאג פאר די אידן מען זאל גיין.

לכאורה וואס איז פשט אין פסק, וואס דען זאל מען טון ווען מען האט א צרה, וואס הייסט מַה תִּצְעַק אֵלָי? נאר מוהרא״ש ז״ל זאגט, אז ווען א מענטש פאלט אריין אין א צרה פאלט ער אריין אין א קטנות, און ער שטעלט אפ זיין לעבן; למשל א אינגערמאן וואס זיין ווייב האט אים איבערגעלאזט, ער האט א גרויסע צרה, אבער ער דארף געדענקען אז דאס לעבן שטעלט זיך נישט אפ, ׳איך מוז ווייטער ממשיך זיין מיט מיין לעבן׳, ׳איך דארף ווייטער גיין אין שול דאווענען דריי מאל א טאג׳, ׳איך דארף ווייטער ארבעטן צו קענען אנגיין אין לעבן אז איך זאל נישט אריין פאלן אין חובות וכו׳ וכו׳׳; דאס זאגט דער רבי, אז ווען א מענטש שרייט צום אייבערשטן, זאגט מען אים: ״גיי״, פאל נישט אריין אין א לאך, ווייל דער אייבערשטער וועט דיר העלפן נאך בעסער און שענער ווי דאס ערשטע.

וויסן זאלסטו אז איך שפיר פאר א זכות אז זייער אסאך שלוחים פון ליובאוויטשער רבי נ״ע שרייבן מיר אז זיי זענען זיך מחזק מיט די דרשות פון ישיבה. איך האב געשריבן פאריגע וואך פאר א שליח פון בייג׳ינג סין: ״יהא חלקי מיט די אלע שלוחים וואס פארן אוועק פון זייער מאמעס פארטיך, און זיי גייען וואוינען

בארץ לא זרועה, אלעס - כדי צו העלפן נאך א איד צוריק קומען צום אייבערשטן, ולתקן עולם במלכות שדי״.

איך וועל דיר רופן אי״ה.

...

בעזהשי״ת - יום ה׳ פרשת בהעלותך, י״ד סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האסט מסיים געווען דאס ערשטע מאל אין דיין לעבן ׳ששה סדרי משנה׳; דער חיד״א ז״ל ברענגט בשם מדרש תלפיות: ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵּיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, אז ווען א מענטש קומט ארויף אויבן אין הימל, קומען די מלאכי חבלה און ווילן אים אריין שלעפן אין גיהנום, הייבט דער מענטש אן צו שרייען צו אלע צדיקים, ער שרייט: ״אברהם אבינו ראטעווע מיר, יצחק אבינו ראטעווע מיר, יעקב אבינו ראטעווע מיר״, אבער קיינער ענטפערט אים נישט; נאכדעם שרייט ער: ״ראובן, שמעון, לוי״, ביז ער קומט אן צו אשר בן יעקב. אשר פרעגט דעם מענטש צי ער האט געלערנט משניות, אויב ענטפערט ער ׳יא׳, נעמט ער אים אריין אין גן עדן; דער חיד״א טייטש מיט דעם דער פסוק (בראשית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ איז די אותיות פון ׳משנה׳, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, און ער וועט אים געבן גן עדן, זעט מען דאס גרויסקייט פון משניות.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי׳ן און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ, אז ער וויל זיין אן ערליכער איד און עס גייט אים נישט; האט אים דער רבי געזאגט: ״אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב, וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת, וּכְשֶׁתַּעֲסֹק וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי הַטּוֹב יִשָּׁאֵר, וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל״ - דו טו גוטס, און דאס שלעכטס וועט פון זיך אליינס אוועק גיין (חיי מוהר״ן, סימן תמז).

ווי זיס און ווי געשמאק איז, ווען מען זיצט מיט א חומש, א משניות, א גמרא, און מען לערנט אויפן ׳סדר דרך הלימוד׳ וואס מיר האבן באקומען פונעם הייליגן רבי׳ן (שיחות הר״ן, סימן עו) און מען איז זיך מתבודד מיטן אייבערשטן; מען דארף נישט קיינעם, נאר דעם אייבערשטער אליין.

ווען א מענטש פאלגט דעם רבי׳ן האט ער זייער א זיס לעבן; דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן כג): ״וואויל איז דעם מענטש וואס עסט יעדן טאג אפאר פרקים משניות, און טרינקט קאפיטליך תהילים, און טוט זיך אן מיט מצוות ומעשים טובים״.

איך האב הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחי׳ מיט די שיעורים, און די לעבסט מיטן אייבערשטן און מיט די תורה. דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער, און מצליח זיין אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי״ת - יום ה׳ פרשת בהעלותך, י״ד סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז דער אייבערשטער האט ליב יעדן איד, און ער ווארט יעדע מינוט אז מען זאל צוריק קומען צו אים; אויפן פסוק (איוב לא, לב): ״בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר״ זאגן חז״ל (מדרש שמות רבה יט, ד): ״שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל; הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס״, דער אייבערשטערווארפט נישט אוועק קיין שום מענטש, און די טירן זענען שטענדיג אפען און ווער עס וויל צוריק קומען צום אייבערשטן קען שטענדיג צוריק קומען צו אים.

חז״ל זאגן (ברכות לד.): ״בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם״, א בעל תשובה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן, און ער קומט אן אויף

א פלאץ וואו צדיקים קומען נישט אן; ווייל א מענטש וואס איז שוין געוועזן אריין געכאפט ביים ס"מ און ער רייסט זיך ארויס פון דארט, און ער קערט זיך צוריק צום אייבערשטן - דער מענטש איז זייער חשוב אויבן אין הימל.

חז"ל זאגן (מדרש פסיקתא רבתי, פרשה מד - שובה ישראל): "דָּרַשׁ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, גָּדוֹל כֹּחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה מִיָּד הִיא עוֹלֶה, לֹא עַד עֲשָׂרָה מִילִים וְלֹא עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שְׁנַיִם, וְלֹא עַד הָרָקִיעַ הָרִאשׁוֹן אֶלָּא עַד רָקִיעַ הַשְּׁבִיעִי, וְלֹא עַד רָקִיעַ הַשְּׁבִיעִי אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד, כֵּן הוֹשֵׁעַ אוֹמֵר שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווי נאר א מענטש טראכט אז ער וויל אפלאזן זיינע שלעכטע מעשים, קומט ער אן גלייך צום אייבערשטן.

בפרט א בחור וואס איז דער גרעסטער רחמנות אויף דער וועלט; מוהרא"ש ז"ל האט געזאגט אז קיינער פארשטייט נישט קיין בחור, און קיינער ווייסט נישט דעם צער וואס א בחור גייט דורך. יעדער יאגט אים; אין ישיבה יאגט מען אים, אין שטוב יאגט מען אים וכו', און דער בחור וויל זיין ערליך, ער וויל זיין ריין און הייליג, אבער עס גייט אים נישט, ער האלט אין איין אראפ פאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ביז עס ווערט אים נמאס דאס לעבן, און ער גייט ארום מיט שלעכטע מחשבות, כאילו אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף אים, ביז ער וויל זיך נעמען דאס לעבן. אזוי ווי דו שרייבסט מיר, אז עס איז דיר נמאס דאס לעבן; דיין מח איז דיר אויסגעברענט, און דו שפירסט זיך פארלוירן, צעבראכן און צעקלאפט.

דערפאר טייערע ברודער, פאלג דעם רבי'ן, און זיך דיר א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט; דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, און אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, בעט אים: "רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל האבן ריינע אויגן, איך וויל נישט קוקן שמוציגע מאוויס

מיט שמוציגע קליפס, וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפ פאלן, איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר, איך האלט אין איין קוקן שמוץ, און נאכדעם קום איך צו צו טון די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, איך בין אזוי צעבראכן, דאס לעבן איז מיר נמאס.

רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות! העלף מיר אז איך זאל אוועק ווארפן מיין פאון וואס דאס ברענגט מיר צו אז איך זאל אראפ פאלן אזוי שטארק נאכאמאל און נאכאמאל, געב מיר כח, העלף מיר באשעפער אז איך זאל גלייבן אין דיר, און איך זאל שפירן אז דו האסט מיר ליב, דער יצר הרע רעדט מיר איין אז דו ביסט אויף מיר ברוגז, איך גיי ארום מיט נארישע געדאנקען, איך רעד מיר איין אז דו דארפסט מיר נישט וכו'".

דער רמב"ם שרייבט (פרק א' מהלכות תשובה, הלכה א') "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת, וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", ווי מער מען איז זיך מתוודה - איז מען געלויבט. דערפאר טייערע ברודער, שטארק דיר און ווער נישט צעפאלן; פאלג דעם רבי'ן און מאך התבודדות יעדן טאג, וועסטו זיך שפירן ווי א נייע געבוירענע מענטש.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט טרעפן דיין שידוך בקרוב, און אויפשטעלן א ערליכע שטוב, א בית נאמן בישראל, אמן.

...

בעזהשי"ת

ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, ט"ו סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מען דארף זיין זייער פריילך שבת. "וְהַכְּלָל שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת

וּדְאָגָה כְּלָל רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, און מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו זיין טרויעריג און דיפרעסט אין שבת, נאר זיין זייער שטארק פריילִיך א גאנץ שבת, און זיך פרייען מיטן אייבערשטן״.

וויסן זאלסטו אז אלע פראבלעמען קומען ווייל א מענטש איז נישט פריילִיך, און ווען א מענטש איז פריילִיך פאלן שוין אוועק רוב פראבלעמען. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד) אלע פראבלעמען קומען ווייל מען איז נישט פריילִיך, און אלע דאקטורים זאגן אז אלע מחלות וחלאים רעים קומען ווייל מען איז נישט פריילִיך, און אז מען איז פריילִיך פאלט אלעס אוועק; דערפאר ליבער ברידער טייערע הארציגער חבר, לאמיר פאלגן דעם רבי׳ן און זיין פריילִיך; זוכן די גוטע נקודת אין לעבן, ווייל דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו א מענטש, און א מענטש לעבט אויף ניסי ניסים, אבער מען זוכט זיך פון אונטער דער ערד אויף וואס זיך אפצורעדן.

דער עיקר וואס מען דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיין פריילִיך, ווייל ווען א מענטש איז פריילִיך און דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט וואס דער אייבערשטער געבט אים אין לעבן, פאלן אוועק אלע פראבלעמען און אלע ווייטאגן.

א מענטש כאפט נישט אז ער קען ווערן אין איין מינוט אומגליקלעך השם ישמרינו, און אנשטאט זיך אפרעדן און קרעכצן א גאנצן טאג, דארף א מענטש דאנקען דעם אייבערשטער אויף אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער געבט אים. ר׳ נתן האט געזאגט: ״ווען א מענטש רעדט זיך אפ, זאגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים, קוקט אן דעם מענטש איך געב אים גוטס און ער רעדט זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכט. אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, זאגט דער אייבערשטער, קוק אן דעם מענטש ער האט גארנישט אין לעבן, און ער איז אזוי פריילִיך און אזוי דאנקבאר איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט, און מען געבט אים א גוטע לעבן.

דערפאר בעט איך דיר, הער שוין אויף זיך אפצורעדן אויף יעדע זאך, און הייב אן זוכן דאס גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי

מוהר"ן, חלק א', סימן קצה) אויפן פסוק וואס דוד המלך זאגט (תהילים ד, ב): "בצר הרחבת לי", אז דוד המלך האט געזוכט אין זיינע צרות די חסדים פונעם אייבערשטן, בצר - אין די צרה, הרחבת לי - האסטו מיר בעסער געמאכט.

ר' נתן האט געהאט שרעקליכע צרות אין לעבן; ער איז געווען חתונה געהאט פאר כמעט צען יאר און נישט געהאט קיין קינדער, ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן און ער האט זיך אויסגערעדט צום רבי'ן אז ער האט נישט קיין קינדער, האט אים דער רבי געבעטן א פדיון, ר' נתן האט געברענגט זעקס בענקלעך פארן רבי'ן. האט אים דער רבי געזאגט: "פאר די זעקס בענקלעך וועסטו האבן זעקס קינדער", און ער האט זוכה געווען צו זעקס קינדער - פינף זון און איין טאכטער. פון זיין ערשטע ווייב האט ער געהאט דריי זין, און נאכדעם וואס זי איז נפטר געווארן האט ער נאכאמאל חתונה געהאט, און געהאט צוויי זון און א טאכטער. ער האט זיך זייער געמוטשעט מיט זיינע קינדער, ער האט געהאט רדיפות פון די גאנצע שטאט וכו' וכו', מיט אלע צרות וואס ער האט געהאט פלעגט ר' נתן שטענדיג זאגן: "עס איז מיט נאך מיט גרויסע חסדים". דאס הייסט, מיט אלע צרות ויסורים וואס ער גייט אריבער, העלפט אים דער אייבערשטער מיט גרויסע חסדים. דאס איז א ערליכע איד, ער זיכט ווי אזוי ער קען זיין פרייליך און דאנקבאר פארן אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער, יעצט קומט שבת - זאלסטו זיין פרייליך, און פרייליך מאכן דיין ווייב און קינדער; הער שוין אויף צו זיין א גערעכטער מענטש, און הער שוין אויף זיך צו טענה'נען אויף יעדע זאך, קיינער דארף נישט ליידן פון דיינע נערווען וכו', אז דו ביסט נערוועז, דארפן דיינע קינדער און דיין ווייב נישט ליידן פון דיר, זיי זענען נישט דיינע כפרה הינדלעך. יעצט ערב שבת איז א צייט פון תשובה, טו תשובה און הייב אן געבן גוטע ווערטער פאר דיין ווייב און קינדער.

איך האף אז דיין ווייב האט הנאה געהאט נעכטן פון די שיעור; עס איז געווען אביסל א לאנגע שיעור פון א שעה אין א האלב. עס קומט מיר נישט אן גרינג די שיעורים, ווייל איך בין נישט קיין מאשין וואס קען ארויס געבן יעדן טאג אפאר שיעורים, איך

בעט דעם אייבערשטן איך זאל האבן כוח ווייטער צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף דו גאנצע וועלט.

זאלסט האבן א פרייליכע שבת

...

בעזהשי"ת

ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, ט"ו סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האף אז דו האסט פארשטאנען וואס איך האב נעכטן גערעדט ביי די פרויען צוזאמקום; עס איז מיר נישט גרינג צו געבן דעם שיעור, אבער איך וויל אז דו מיט דיין מאן זאלן האבן א גוטע לעבן, און אויפשטעלן א ערליכע שטוב.

עס איז נישט קיין צניעות פאר א מיידל צו פארן מיט א בייק, און אויך נישט מיט קיין ראלער בלעידס, און זיכער נישט מיט א סעגוועי; עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אלט די מיידל איז, פארשטייט זיך אז מען דארף דאס שיין מסביר זיין - מען ברענגט ארויס אז צניעות איז נישט קיין קנס זאך, נאר צניעות איז א שיינע זאך, אז מען גייט אנגעטון איידל זעט מען אויס בעסער ווי אז מען גייט אנגעטון פראסט.

וואויל איז פאר א מאמע וואס איז מחנך אירע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, ווען זיי הערן נאך אויס וואס מען זאגט זיי. ווען די קינדער זענען קליין דעמאלט איז די צייט פון חינוך, און אויב מען איז זיי מחנך ווען זיי זענען קליין וועלן זיי הערן ווען זיי זענען גרויס, אבער אויב מען לאזט די קינדער טון וואס זיי ווילן ווען זיי זענען קליין, ווייל מען מיינט אז עס איז גארנישט - זיי זענען נאך יונג וכו', וועלן זיי נישט צוהערן שפעטער. חז"ל זאגן (מסכת ברכות) אויפן פסוק (שמות יט, ה): "וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי", וואס איז דער דאפעלטע לשון שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ? נאר די תורה מיינט צו זאגן,

"אם שמוע פעם אחת סופך שתטה אזן פעם אחרת", אויב האסטו אויסגעהערט איינמאל, וועסטו אויסהערן שפעטער נאכאמאל.

עלטערן כאפן זיך אויף ווען דאס קינד איז שוין גרויס, און האט שוין אייגענע מיינונגען וכו', אבער אויב מען איז מחנך א קינד פון יוגענט אן, און מען ווערט נישט שוואך ווען דאס קינד טענה'ט, אדער ווען דאס קינד זאגט פארוואס יעדער מעג נאר אונז טאר מען נישט? דעמאלט טאר מען נישט ווערן שוואך, נאר מען ענטפערט שיין: "ביי אונז טוט מען אזוי און אזוי, יעדער זאל טון ווי אזוי זייערע עלטערן טוען", דעמאלט האט מען נחת.

דער עיקר דארף מען מתפלל זיין אז מען זאל זוכה זיין צו ערליכע דורות, און ווי מער די עלטערן דאווענען און וויינען צום אייבערשטן אויף ערליכע קינדער, וועלן זיי זוכה זיין צו שיינע דורות. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע כח א פרוי האט מיט אירע תפילות, בפרט ווען מען צינדט אן די שבת ליכט, דעמאלט עפענען זיך אויף אלע טויערן אין הימל, און אירע תפילות זענען דעמאלט זייער חשוב; ווען דו וואלסט ווען געוואוסט וואסערע עת רצון עס איז אין הימל ווען א פרוי צינדט ליכט, וואלסטו אויסגעניצט די צייט און מתפלל געווען פאר דיר און פאר דיינע קינדער.

דערפאר בעט דעם אייבערשטן ווען דו צינדסט אן די שבת ליכט: **"רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, צו קינדער וואס וועלן טון דיין רצון, און קינדער וואס וועלן לערנען און דאווענען. הייליגע באשעפער העלף מיר אז איך זאל זיין פרייליך, איך זאל זיין רואיג, איך זאל נישט האבן קיין שום פחד און מורא פון קיינעם נישט. איך זאל אייביג זיין אין א גוטע גיסטע. רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זיין פרייליך, איך זאל נישט זיין אזוי דיפרעסט; איך אליין לייד ווען איך בין אין נישט קיין גוטע מאאד, מיין מאן אין קינדער און יעדער איינער ווערט אזוי דערשראקן פון מיר, העלף מיר אייבערשטער, איך וויל תשובה טוהן, איך וויל מער נישט שרייען און בלאזן וכו' וכו'**, שטיי ביי די ליכט מיט די הענט אויף דיין פנים און בעט און וויין דיך אויס צום אייבערשטן, ווייל יעדע תפילה וואס דו בעטסט פאר

דיר און פאר דיין מאן און דיינע קינדער גייט ארויף אויבן אין הימל זייער הויך, און דער אייבערשטער הערט אויס יעדע ווארט פון דיר.

א גוט שבת

...

בעזהשי"ת

ערב שבת פרשת בהעלותך, ט"ו סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

נעכטן ווען עס איז געווען די פרויען צוזאמקום ביסטו געשטאנען און אונטער געהערט די שיעור; קודם כל זאלסטו וויסן אז עס איז נישט קיין צניעות צו זיין אין א פלאץ וואס פרויען זענען דארט; צווייטנס, איך זע אז ביי די מאנטאג נאכט שיעור לייגסטו נישט צו דיין אויער אויס צו הערן וואס איך רעד צו די מענער. איז אנשטאט צו שטיין ווי א קעלבל פאר א שעה אין א האלב אונטער א פארמאכטע טיר און אויסהערן זאכן וואס איז בכלל נישט נוגע פאר דיר, וואלט איך דיר געזאגט אז דו זאלסט קומען מאנטאג נאכט און אויסהערן וואס דו האסט צו טון.

זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג, אפילו דו פארשטייסט נאך נישט וואס דו זאגסט; די תורה וואשט אפ דעם מענטש אינגאנצען פון זיינע עבירות. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ריד): "תלמוד" גימטריא של הקליפה המחטאת את האדם בפגם הברית שנקראת "לילית", און אז דו וועסט לערנען יעדן טאג, וועסטו זוכה זיין צו גרויס עשירות.

א גוט שבת

...

בעזהשי"ת

ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, ט"ו סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

דער אינגערמאן ... ני"ו איז געקומען נעכטן צו מיר, און האט מיר געבעטן א נייע טעלעפאון אז ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין ארויס צו שיקן די חיזוק יומי המתורגם פאר אלע וואס פארשטייען נישט קיין אידיש; ער שיקט ארויס פאר צענדליגער טויזענטער מענטשן, און דאס צעברעכט זיין טעלעפאון. איך מיין אז דו וועסט בעטן די אינגעלייט דא, וועט זיכער איינער וועלן האבן די זכות פון זיכוי הרבים.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וויפיל אידן דאס האט פשוט געראטעוועט דאס לעבן; מענטשן שרייבן אים אז בזכות די דרשות האבן זיי אנגעהויבן צו היטן שבת, לייגן תפילין, האבן שלום בית וכו' וכו', און חז"ל זאגן (אבות ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ".

אויך אויב דו קענסט אויסלערנען צוויי דריי בחורים אז זיי זאלן קענען טייפן אידיש. ווייל דו שיקסט ארום חיזוק יומי אויף אידיש, און ... שיקט ארום מתורגם, ... ני"ו שיקט ארום אין אימעיל די חיזוק יומי; טויזענטער טויזענטער מענטשן הערן דאס, און נאכדעם הייבן זיי אן שרייבן בריוו מיט שאלות און זיי בעטן עצות, איך קום פשוט נישט אן צו ענטפערן אפילו איין פראצענט, אבער אז איך וועל האבן צוויי בחורים וואס וועלן קענען שנעל טייפן וועל איך קענען מער ענטפערן.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; ... ני"ו האט מיר נעכטן געשריבן אז מען האט א קעמפ, געלויבט דעם אייבערשטן.

א גוט שבת.

...